STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07285

FUN MAYN LAYB UN LEBN

Shneur Vaserman

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG

WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust

Arie & Ida Crown Memorial

The Seymour Grubman Family

David and Barbara B. Hirschhorn Foundation

Max Palevsky

Robert Price

Righteous Persons Foundation

Leif D. Rosenblatt

Sarah and Ben Torchinsky

Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE

National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שניאור וואַסערמאַן

פון מײַן לײַב און לעבן

Copyright 1972 by S. WASERMAN - Buenos Aires

Hecho el depósito que previene la Ley 11.723

IMPRESO EN LA REPUBLICA ARGENTINA

PRINTED IN ARGENTINA

Este libro se terminó de imprimir en el mes de octubre de 1972, en los Talleres Gráficos ZLOTOPIORO S.A.C.I.F., Sarmiento 3149, Buenos Aires.

שניאור וואסערמאן

פון מיין לייב און לעבן

★

אַרויסגעגעבן פון בוך און יובל־קאָמיטעט, פאַטראָניזירט
פון קולטור־צענטער „רינגעלבלום־וואַרשע״, פון פאַרבאַנד
כעלעם־רייוועץ און אומגעגנט און „זרובבל־צענטער״

בוענאָס־איירעס, 1972

חנ׳קען — מיט לייב און לעבן



יעקב גלאַטשטיין וועגן דער פּאָעמע „וואָרצלען" פון שניאור וואַסערמאַן

ביים פאַרטראַכטן אַרויסצוגעבן דאָס דאָזיקע בוך, וואָס מיר ברענגען איצט פאַרן לייענער, האָט דער מחבר פון בוך זיך גערעכנט צו ווענדן צום דיכטער יעקב גלאַטשטיין, ער זאָל אָנשרייבן די הקדמה צום זעלבן.

נאָר צווישן פאַרטראַכטן און רעאַליזירן דאָס בוך, איז דער באַרימטער דיכטער, יעקב גלאַטשטיין געשטאָרבן — צום פאַרלוסט און ווייטיק פון דער גאַנצער יידישער ליטעראַטור.

איז, אויב שוין נישט די מעגלעכע פולע און נייע אָפּשאַצונג פון גלאַטשטיינען ע"ה איבערן נייעם בוך פון שניאור וואַסערמאַן, ברענגען מיר אויסצוגן פון דער אָפּשאַצונג, וואָס גלאַטשטיין האָט געשריבן וועגן דעם פריערדיקן בוך, „צום מענטש" און דעם כמעט פולן טעקסט וועגן דער אויטאָביאָגראַפישער פּאָעמע „וואָרצלען", וואָס איז אין פריערדיקן בוך פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין איר גרעסטן טייל, אין דער דריטער סעריע.

די אָפּהאַנדלונג פון יעקב גלאַטשטיין איז געדרוקט געוועזן אין „אידישער קעמפער", אין ניו־יאָרק, פון 20סטן יולי 1962, זייטן 9—10.

גלאַטשטיין שרייבט:

„דעם אמתן ביישטייער פון פּאָעט שניאור וואַסערמאַן געפינט מען אין דער דריטער סעריע, וואָס הייסט „וואָרצלען", וואָס איז אין גאַנצן אַ קייט פון אויטאָביאָגראַפישע לידער. די לידער זענען געשריבן מיט וואָרצלדיקע רייד און אין אַלטגעמאַסטענעם פערז, וואָס האָט דעם אַראָמאַט פון פרישקייט, פון פריש־געשניטענעם היי, אָדער גאָר פון פריש־געבאַקענעם ברויט".

נאָך דעם, ווי גלאַטשטיין ציטירט די ערשטע צוויי שורות פון דער דאָזיקער פּאָעמע, זאָגט ער ווייטער:

„די לידער אין דער אויטאָביאָגראַפישער סעריע זענען קרעפטיקע שילדערונגען און די דערמאָנען אין דיכטערישן כוח פון קולבאַקן".

און ווײַטער:

„די בילדער זענען דאָ נאַטירלעכע, נישט קיין אינטעלי־גענטיש־געקינצלטע און די מענטשלעכקייט איז אַ וואַרעמע, אַ משפּחהדיקע און נישט קיין אַבסטראַקט־הומאַניסטישע".

דאָ ציטירט גלאַטשטיין ווידער אַ סטראָף פון דער פּאָעמע און ער זעצט פאָר:

„אַלע ביאָגראַפישע לידער שטעלן צוזאַמען אַ פיין קאַ־פּיטל. און כאָטש די געשטאַלטן און די לעבנס זענען אונדז גוט באַקאַנט, לעבט זיי וואַסערמאַן אויף מיט דעם נאַטירלעכן פלוס פון זײַן פּערז".

„די לידער פאַרמאָגן אַ סך פאָלקסטימלעכן הומאָר. די ערשטע רעוואָלוציאָנערע טריט אין דער גרעסערער שטאָט דערשרעקן די אַזוי אויך אָנגעשראָקענע טאַטע־מאַמע. די דער־מאָנונגען פון לײַדן דערגייען אַזש ביז „סטאַנציע 60", ווען דער פּאָעט אַליין ווערט אַ זיידע, אין אַ פרעמדער וועלט, וווּ זון און טאָכטער וועלן שוין נישט „אויסזינגען פרייד אין ייִדיש" און נישט „אויסשווײַגן אין ייִדיש" דייער צער".

„וואָס ווײַטער אין בוך, אַלץ מער אַנטפּלעקט זיך דער דיכטער מיט זײַנע מעלות. פאַראַן גוטע לידער אין די ווײַ־טערדיקע סעריעס, אָנגעלאָדן מיט לאַטײַן־אַמעריקאַנער אַראָ־מאַט, מיט דעם געמיש פון ווילדער שיינקייט און ווילדער אָרעמקייט, אַרגענטינע, פּאַראַגווײַ, טשילע, באָליוויע, בראַזיל".

ווי אַן אילוסטראַציע, ציטירט דער דיכטער גלאַטשטיין אַ רייע סטראָפן פון לאַטײַן־אַמעריקאַנער לידער און ער פאַרענדיקט זײַן אָפּשאַצונג מיט די דאָזיקע שורות:

„ווען ער ווערט אויף אַן אמת ליריש און פּערזענלעך איז שניאור וואַסערמאַן אַן אָנגעזעענער מיטגליד פון דער ייִדי־שער דיכטער־משפחה. וועל איך פאַרענדיקן מיט וואַסערמאַנס אַ פּערזענלעך ליד, וואָס איז אַ טייל פון דער גרויסער און קאָלירפולער אויטאָביאָגראַפיע פון דער ייִדישער פּאָעזיע".

דער דיכטער גלאַטשטיין ברענגט דאָ דאָס גאַנצע ליד וואַסער־מאַנס, „אויף סאַן מאַרטינס ערד" און דערמיט פאַרענדיקט ער זײַן אָפּשאַצונג.

דער בוך־קאָמיטעט



פון מײַן לײַב און לעבן

געקומען צו מיר איז דאָס ייִדישע וואָרט,
באַרוועסערהייט און מיט הונגעריק געפאָרט.

און גלײַך מיט די ערשטע טריט אויף מײַן שוועל,
האָבן זיך ווערטער אין פערזן צעשטעלט.

פערזן — מיט דאָרפישן קלאַנג און קאָליר. —
נאָר כ׳האָב נישט געאָנט נאָך פון פען און פּאַפּיר;

האָב איך די ערשטע קלאַנגען פון ליד —
מיט באָרוועסע טריט אין זאַמד אויסגעבריט...

פון דאָרט ביז אַהער איז — פּאָלג מיך אַ גאַנג!
דאָך גייט מיר אין פוסטריט אַלץ נאָך יענער קלאַנג;

אַפילו נאָך הײַנט, אין מאַשינען־געשריפטס,
רײַסט זיך אויך דורך פון מײַן מאַמען אַ זיפץ.

דעם טאַטנס אַ מעשה פון שדים און קריג;
דאָס סופּלאַזע סקריפּען פון וויג אויפן שטריק.

און טייל מאָל: אין מיטן דעם וויגלס געסקריפּ —
אַ פּלוצלינג דערוואָרגענער קינדערשער כריפּ...

נאָר קינד איז — אַ קינד... און ס׳קינדישע האַרץ —
קען נישט פאַרבלײַבן אויף לאַנג קיין באַצערטס:

עס ליגן די פעלדער פאַר מײַן בליק געשפּרייט,
זומער — אין גרינס און אין גאָלד אָנגעקליידט;

מיט ריחות פון פריש־אָפּגעקאָסעטן היי.
ווינטער — מיט פוכיקן, פּראַסטיקן שניי. —

דער איינציקער פּוך, וואָס כ׳האָב דעמאָלט געקענט,
וואָס האָט אַזש פון ווײַסקייט — געבלויט און געבלענדט...

מיט שליטעלעך איבערן פּוך אין גאַלאָפּ,
ביז דאָרט — וווּ עס לאָזט זיך דער הימל אַראָפּ...

קרייצן זיך איבער ביז הײַנט אין מײַן ליד:
באָרוועסער גאַנג מיט מײַן דאָרפיש געמיט.

וואָרצלען

(אויטאָביאָגראַפישע פּאָעמע)

איך קום פון דעם שטעטלשן שטויב און פון בלאָטעס,
פאַרפּעדערטע יאַרמלקעס, בערד און קאַפּאָטעס.

פון טוכלע חדרים, תפילות, תעניתים,
מיט יחוס פון דלות — דור־דורות דליתים.

פון שטיבער, מיט שמאַטעס פאַרשטעקטע, די שויבן;
מיט דעכער, וואָס קאַפּען אַרונטער פון אויבן.

איך קום אָן פון דאָרט און אַהער נישט דערגאַנגען. —
דאָס שטעטל אין מיר איז אין וועג מיטגעגאַנגען:

דערפיל איך, ווי ס'טרעפט, אין דער גרויסשטאָט אַליין זיך —
אַליין, ווי אַ קינד, אַ פאַרלאָזטס — כאָטש צעוויין זיך...

נעם איך אומבלאָנקען דורך די שטעטלשע שטעגן:
צום הילצערנעם שטיבל, צום שטרויען געלעגער.

צום שותפות־געלעגער פאַר מיר מיט די ברידער —
טראָג איך אַוועק מײַנע עלנטע גלידער.

איך וואַרעם זיי אָן אונטער פויערשע פעלצן;
דער פראָסט אַזש פון אונטערן שטרוי נעמט זיך שמעלצן.

דערפיל איך בײַ נאַכט, אין מײַן שלאָף, אינעם האַרטן,
די פינגער מײַן מאַמעס — פאַרהאַרטעוועט־צאַרטע.

איך הער איר פאַרבאָרגענעם זיפץ ווי אַ תפילה:
זאָל נאָר זיך אַ קינד נישט צוקילן, חלילה!

זי וואַרפֿט נאָך אַ לאַך אונדז אַרויף אויף די גלידער —
די שותּפֿותדיקע גלידער — פֿון מיר מיט די ברידער...

יוני, 1969

יחוס

צו די זעכציק יאָר איז אַן אַלמן געוואָרן
מײַן זיידע, דער דרדקי־מלמד, ר׳ פֿרידל. —
טאָר דאָך אַ ייִד אַן אַ ווײַב נישט פֿאַרבלײַבן,
בפֿרט אַ מלמד — אַ רבי בײַ ייִדן.

איז פֿריידע, זײַן ווײַבס שוין די גאָר ייִנגסטע שוועסטער,
אַ פֿאַרשוין, כאָטש קיין זעכצן יאָר נישט קיין פֿולע,
מיט פֿרידל־מלמד געגאַן צו דער חופּה —
ר׳ פֿרידל — דער אַלמן מיט פֿריידע — דער בתולה.

און פֿרום איז געווען ר׳ פֿרידל מלמד,
האָט גאָט אים באַשאָנקען מיט כּוחות און יאָרן:
איז קוים נײַן חדשים צום טאָג פֿון דער חופּה
ר׳ פֿרידל, מיט מזל, אַ טאַטע געוואָרן.

נו, האָט מען באַלד שבת אין דאָרפֿישן מנין
אַ נאָמען געגעבן דעם קינד, ווי עס פֿירט זיך;
אַ קידוש געמאַכט איבער היימישן בראָנפֿן,
פֿאַרביסן מיט היימישע קאָרענע קיכלעך.

מען האָט זיך געווונטשן ישועות אויף ייִדן
און ווידער באַנעצט מיט אַ שנעפּסל דעם גומען. —
זײַט דאַן האָט געהייסן דאָס קינד חיה־רחל,
נאָך חיים — אַ פֿעטער און רחל — אַ מומען.

אַ נאָמען, ווי אַלע, אַ ייִדישער נאָמען,
דערמאָנט אין די אימהות, דער הייליקער תּורה.
האָט שפּעטער מיט פֿיר צענדליק יאָר, חיה־רחל,
מיך אונטערוועגס, אויף אַ וואָגן געבוירן.

ס'איז לײַכט אויסצורײדן זיך: „פיר צענדליק יאָרן",
ווען יעדער שעה לעבן געווען איז אַ וווּנדער:
אַ לעבן אויף דחקות, אויף בריתן און קברים,
פון „מײַנע" און „דײַנע" און „אונדזערע" קינדער...

און איך, דער מעזיניק אין מאַמעס זעמליאַנקע,
געווען בין דער צוועלפטער שותף צום — הונגער;
אַ שותף מיט גרוים אַפּעטיט, קיין עין־הרע,
אַ קישקע אָן אַ דנאָ, אַ וועלפל אַ יונגער.

***

— אַזוי פלעגט די מאַמע אונדז קינדער דערציילן,
בײַם שפּינדל, אין ווינטער־בײַנאַכטן אין ווײַסע. —
נישטאָ שוין די מאַמע, נישטאָ שוין איר שפּינדל —
דאָך שפּינט זיך נאָך אַלץ אין זיכרון איר מעשה.

קניפּ איך איצט פֿאָדעם מיט פֿאָדעם צוזאַמען,
עס זאָל זיך די מעשה נאָך שפּינען און שפּינען:
עס זאָלן מײַן מאַמעס שטראַלן פון שקיעה
פאַרקניפּט זײַן מיט מײַנע קינדערס באַגינען...

פּרי - פּרילינג

אין דעם גרויסן ווערטער־מבול
אין פאַרשוועכטן וואָרט־יאַריד,
זוך איך דיך, מײַן וואָרט באַשיידנס,
פאַר מײַן תמימותדיקן ליד.

זאָלסט אין פּוסטריט מיך באַגלייטן
איבער מײַן זיכרון־שטעג,
ווו עס זשאַרען זיך אין אַש נאָך
מײַנע אויסגעברענטע טעג.

איידער כ'וועל די שוועל באַטרעטן
וועל איך וואַשן מײַנע פּיס
אין מײַן היימיש־דאָרפיש טײַכל,
וואָס האָט פרײַנטלעך מיך באַגריסט;

מיך באַגעגנט מיט געזאַנגען,
ווי אַ לאַנג-דערוואַרטן גאַסט,
אויפן טוכלע שטרוי אין וואָגן,
אויפן הפקר פון דער גאַס.

ס'האָבן כוואַליעס שוין אין טײַכל —
פרײַ פון זייערווינטערדעק —
אויפן מילראַד זיך געלאָזן
און די מיל פון שלאָף צעוועקט.

זענען פויערים פון דערפער —
ווילד-באַוואַקסענע מיט בערד —
צו דער וואַסערמיל פאַרפאָרן,
אויסגעשפּאַנט די מידע פערד.

אָנגעפּאָיעט זיי בײַם טײַכל
און אַליין געכאַפּט אַ קײַ
פון די לײַוונטענע טאָרבקעס.
און צווישן בים און שפּײַ,

האָט מען אויסגענייגט פון פלעשל
ביז צום סאַמע לעצטן טראָפּ;
פויל, אָן חשק, זיך געצלמט
און די פּײַקעס אָנגעשטאָפּט.

אָדער פון דער טאַבאַקערקע
טאַבעקע געשטופּט אין נאָז,
ניסט מען און מען ווינטשט: „נאַ זדראָוויע!”
און מען שנײַצט אַרײַן אין גראָז.

זומערלעב

עס קומען אין דמיון פאַרגאַנגענע טעג:
איך זע אונדזער כאַטע בײַם זאַמדיקן וועג;
איך זע נאָך אין זאַמד מײַנע באָרוועסע טריט —
זיי גייען דורך לענדער מיר נאָך אין מײַן ליד...

ווי גוט איז אין הייסן, אין גאָלדיקן זאַמד,
זיך קאַטשען און שפּילן מיט קינדער בײַנאַנד!
זיך שפּילן ביז וואַנען עס נעמט — אויך אין שפּיל —
די זון זיך באַהאַלטן אויף יענער זײַט מיל...

ווי וואָלט איך די שפּיל הײַנט געשפּילט פון דאָס נײַ!
און פּאָרט אויפן וועג ווען אַ פורל פאַרבײַ
איז אויך קיין סכּנה אין דעם נישט פאַראַן:
מיד איז דאָס פערדל, פאַמעלעך זײַן שפּאַן.
דער טאָג איז נאָך גרויס און דער פויער האָט צײַט;
ער פּיפּקעט זיך רויִק זײַן פּײַקע און שפּײַט.
די „באָבע" אין וואָגן, די קינדער מיט איר.
עס שטעלט זיך אַ פורל ווען אָפּ פאַר דער טיר,
פאַדפאַסעט דער פויער דאָס פערדל אין גראָז
און לאָזט זיך בײַם שנײַדער נעמען אַ מאָס:
באַשטעלט זיך אַ „קורטקע" פון היימיש געוואַנט —
ס'איז וואָווע דער איינציקער שנײַדער אין קאַנט.

באַצאָלן דעם שנײַדער, ווי ס'איז, פאַר געניי —
באַצאָלט מען אַ מאָל מיט אַ הון, מיט אַן איי.

ס'איז היימיש דער דאָרפישער שנײַדער, דער „זשיד";
רעדט מען פון יקרות, מען רעדט פון יאַריד;
מען לאָזט זיך אין טיפע רעיונות אַוועק:
עס זיפצט אָפּ דער פויער — „אַ צײַט קומט, אַ שרעק!
— עס גייט אויף מילחמה דער הונט, דער פּרוסאַק".
דער טאַטע העלפט אונטער אויף פויליש: „טאַק-טאַק!"
„מען זאָגט: טשאַרנע גאַרצעס, בײַם גרענעץ פון טערק,
ריזן, וואָס וווינען אין היילן פון בערג,
אַ סברא זיי שטאַמען פון גוג-ומגוג...
שוואַרץ, ווי ציגײַנער, אין שטערן — איין אויג;
בעזבאַזשניקעס אַלע, קיין גאָט נישט אין האַרץ,
די ערד, ווו זיי טרעטן ווערט וויסט דאָרט און שוואַרץ!".

„זיי גייען אים העלפן, דערציילט מען, דעם שוואַב.
אַ גליק די צאַרינע האָט עפּעס דערשנאַפּט
און לייגט זיך, דערציילט מען, אין שלום אַרײַן...
אַנדערש, חלילה, די שעה זאָל נישט זײַן!

אַ סוף וואָלט געווען צו דער וועלט, קאָניעץ שוויאַט!".
דער פויער נאָגט שטאַרקער די פּײַקע און גאַפּט
און שיקט אָפּ אַ קרעכצל, אַ פּרומס צו דער וועלט;
„מען זאָל כאַטש דעם שניט אַראָפּנעמען פון פעלד!".

אַ פּאַך מיט דער בײַטש, ס'איז דער פויער אַוועק;
געבליבן אין האַרץ איז צום הונגער — די שרעק.
און וואָלט כאַטש די מאַמע געווען אין דער היים,
וואָלט איך די שרעק אויסגעפּלאַצט מיט געוויין;
דעם הונגער און שרעק אויסגעוויינט אויף איר ברוסט;
זי וואָלט זיך געבייזערט און וואָלט מיך געקושט;
זי וואָלט מיך געמוסרט: „אַזאַ בחורעץ!"
און וואָלט מיך געטרייסט מיט אַ לעפּל געקעכטס...

דער טאַטע קרעכצט-אונטער, ער האַלט זיך קוים-קוים,
ער דרימלט בײַ טאָג אינעם שאָטן פון בוים;
ער הוסט און זאָגט ווידוי בײַ נאַכט אין דער שטיל
און כראַקעט די לונגען אַרויס אויפן דיל...

פאַרשפּילן מיר, קינדער, דעם הונגער און שרעק,
אין זאַמד בײַ דער לאַנקע, אין טײַכל בײַם ברעג;
עס ווערט אין דער שפּיל יעדער שפּענדל — אַ שיף,
דאָס טײַכל — אַ ים ווערט, אומענדלעך און טיף.
דערנאָך, ווען עס נעמט זיך אויסבעטן די וועלט
אויף גרינעם, געקאַשעטן היי אויפן פעלד
און ס'זינגען די פייגל אַ וויגליד איר צו,
דעמאָלט, ווען ס'קומען־אָן שאָטנס פון ווי —
קומט אויך די מאַמע מיט באָרוועסע טריט,
אַ מידע, פון פריצישן פעלד, פונעם שניט.

דער סערפּ אויפן אַקסל, דערלעבן — די שיך,
אין פאַרטעך — אַ מעסטל קאַרטאָפל מיט זיך.

בלעטער פאַלן...

אַ בריה געווען איז מײַן דאָרפישע מאַמע —
זײַט דורות מיט פעלד און מיט וואַלד אויג אויף אויג —

ס'האָט קיינער אין שניט ניט געקענט זי דעריאָגן;
און ווער נאָך, ווי זי, האָט צום קינדלען געטויגט?

דאָס פעלד האָט די זאַנגען צום יאָר אויסגעגאָלדיקט,
דער וואַלד האָט יאָר־יערלעך צעגרינט זיך, צעצוויט;
מײַן מאַמע — פאַרנומען מיט טראָגן און זייגן —
פלעגט אַלע צוויי יאָר בלויז אײַנזאַמלען איר שניט...

און אײַנזאַמלען פלעגט זי דעם שניט אירן ווינטער,
ווען ס'ליגט אויך דאָס דערפל אין שניי־ווײַסן בעט,
ווען אַרבעט איז ווינציק און שווער איז פּרנסה,
אַז טייל מאָל פעלט פּשוט שוואַרץ ברויט צו דער זעט.

איז דעמאָלט די צײַט פאַר מײַן פלײַסיקער מאַמען
אײַנזאַמלען צום וויפלסטן מאָל איר פאַרזיי.
און וויפל באַדאַרף עס אַ קינד פון אַ קבצן? —
אין וויגל אין אַלטן — אַ פריש בינטל היי;

אַ „באָבע" — אַן אַלט־אויסגעקינדלטע גויע;
אַ מולטער מיט לעבלעכן וואַסער — אַ באָד.
און אויב אַ בן־זכור — אַ טאָפּ אויך מיט אַרבעס;
אַ מנין אַ דאָרפישם; אַ מוהל פון שטאָט.

און פראָך האָט די וואַנט נאָך גענוג פאַר דער מילה...
פאַר ווינדלעך — אַ העמד אַ צעריסנס, נישט מער.
און שענקט גאָט אַ זיבעלע־צווילינג, איז ווען? —
אַ ווײַב פון אַן עמך, פון אײַזן און שער...

עס קוקן די שכנות אויף איר נאָך מיט קנאה,
עס ווערט אויך מײַן טאַטע מער חשוב בײַ זיך:
ווי יוסף הצדיק אַמאָל אינעם חומש,
האָט ער אויך אַ צווילינג פאַרזייט פון זײַן דיך.

ווערט וואָווע דער שנײַדער פון דאָרף לעבן כעלעם
אַ קרוב צו יוסף פון חומש אַרויס;
נאָר יענער געוועזן איז בלויז שני־למלך.
מײַן טאַטע — דער מלך־המלכים אין הויז.

אַ הויז איז אַ הויז, ווען אויך בלויז אַ זעמליאַנקע.
מײַן טאַטע — רויט-בערדיקער, שטרענגער מאָנאַרך,
דער צווילינג — צוויי פּרינצן: מנשה און אפרים —
אַ קעניגרײַך אונטער אַ שטרויענעם דאַך...

איז מנשה פּרינציש-פאַרחלשט געבוירן,
(מיט שפּילקע-שטעך קוים אים צום לעבן דערוועקט)
אפרים — אַ בחור מיט פויערשער גבורה,
עס האָט אין אים לעבן פאַר צווייען געשטעקט.

נאָר ס׳זענען גאָטס דרכים פאַרהוילן פון מענטשן:
מנשה פאַרפלאַנצט שוין אַ דור נאָך אַ דור,
אפרים איז ריין, ווי אַ מלאך אין הימל,
צוריק אויפגעגאַנגען נאָך ערב דעם יאָר...

כאָטש קינדער געווען זענען פיל, קיין עין-הרע,
דאָך האָט מען דעם טויט זיך אָקעגן געשטעלט;
דער טאַטע טראָגט „קוויטלעך" צום רבין ר׳ טאָדרעס,
די מאַמע שפּאַלט הימלען, מעסט קברים אין פעלד.

און שפּעטער מיט יאָרן, ווען ס׳האָט שוין מנשה
צום שנײַדער-מאַשין זיך געשטעלט, ווי נישט איז,
(געשטעלט זיך, ווײַל זיצנדיק האָט ער נאָך דעמאָלט
צום טריט פון מאַשין ניט דערלאַנגט מיט די פיס...)

האָט ביילע, אַן עלטערע שוועסטער פון צווילינג,
אַ קינד, ערשט אין דרײַצנטן פרילינג נישט מער,
דערפילט, ווי דער קאָפּ איז איר שווערלעך געוואָרן,
די פיס, ווי מיט בלײַ אָנגעגאָסענע, שווער.

איז קרענק נישט קיין נײַעס אין אונדזער זעמליאַנקע;
זי פאַלט, ווי אַ שוליאַק אין דאָרפישן העק
אַראָפּ אויף אַ טשאַטע צעשראָקענע עופות
און טראָגט אין די נעגל אַ קרבן אַוועק.

עס האַלט טאַטע-מאַמע אַן אויג אויף דער טשאַטע
פאַרהונגערטע קינדער. — בפרט נאָך אַצינד;
ס׳איז ביילע אַ העלפערין שוין אין פרנסה,
אַ ספּרית פון אַ מיידל, אַ מזיק אַ קינד.

ס׳וועט קיינער, ווי זי, נישט אין פרײַטיק פֿאַרטאָגן,
מיט פּולע בלעך־זעמל, פֿון אויוון אַרויס,
אַ יאָג־טאָן מיט באַרוועסע פֿיס אויפֿן דערפֿל
און ברענגען אַ ביסל חיונה אין הויז.

נוצט מען אין קאַמף קעגן מלאך־המוות,
דאָס שאַרפֿסטע כלי־זין, וואָס מען פֿאַרמאָגט:
עס כליפּעט דער טאַטע דורך נעכט גאַנצע תהילים,
די מאַמע טוט אירס — זי פֿאַסט יעדן טאָג.

כאָטש פֿאַסטן פֿאַר איר איז אַ גאָר קנאַפּער קרבן:
זינט ווען האָט די מאַמע אַזוי נישט געטאָן? —
ווי לאַנג איך געדענק אונדזער טיש דעם פֿאַרשעמטן —
איז הונגער געזעסן בײַ אים אויבנאָן...

אַז טויב איז געבליבן דער מלאך־המוות,
עס האָט אים קיין תהילים, קיין טרער נישט גערירט,
האָט מען אַ פֿוּרעש פֿורל געדונגען
אוןביילען צום רופֿא אין שטאָט אָפּגעפֿירט.

נישטאָ שוין קיין עוף, נישט קיין איי צו פֿאַרקויפֿן;
מזומן — קיין קופּערנער צווייער אין האַנט.
דער איינציקער חפֿץ אין שטוב צו פֿאַרזעצן —
דער טלית דעם טאַטנס, וואָס הענגט אויף דער וואַנט.

נעמט ער דעם טלית מיט זיך אויפֿן וואָגן,
אויף רופֿא־געלט, אָדער... די שעה זאָל נישט זײַן...
— — — — — — — — — — — — — — — — —
צוריק איז די פֿויערשע פֿור אַ פֿאַרשעמטע
אין מיד־אײַנגעשלאָפֿענעם דערפֿל אַרײַן...

אַ ווינטער־טאָג

פֿאַרטאָג, מיטן ערשטן געקריי פֿון די הענער,
לייגט שוין די מאַמע אין הרובע אַרײַן שפּענער.

סיקען פֿון נאַסקייט די שפּענער אין הרובע;
דער ווינט אינעם קוימען צעפּײַפֿט זיך און טרובעט.

ווען ס׳נעמען שוין פלעמלעך די שפענער באַלעקן —
הייבט־אָן די מאַמע פון שלאָף אונדז צו וועקן:

קינדער, עס נעמט זיך אויף טאָג שוין שארייען.
דער הימל פאַרכמאַרעט. ער הערט נישט אויף שנייען.

אַ קרירה אין דרויסן. די וועגן פאַרשיטע.
מען זעט נישט פון ערגעץ קיין וואָגן, קיין שליטן.

מען זעט נישט קיין פויער פון דאָרף, פון די קאַנטן.
כאָטש נעם און פאַרוואַרף שוין די ציין אויף די באַנטעס.

כאָטש פּראַווע דעם גאַנצן ווינטער אַ תענית. —
נאָר דער וואָס באַשפּיַזט אין שניי די וואראָנעס.

וואָס נערט די טויבן פון אונטער די סטרעכעס —
ער וועט אויך, חלילה, מײַן נעסט נישט צעברעכן.

ער וועט מײַן אָרעמע נעסט נישט פאַרשעמען. —
און וואַרפט אין דער הרובע צו נאָך אַ פּאָר שפּענער...

משנה בקום

משנה מקום — משנה מזל! —
שעפּטשען פרום פּאָר זיך מײַן טאַטנס ליפּן:
בלײַבט אַ וואָגן שטעקן אין דער בלאָטע
דאַרף דאָך עמעצער אים אונטערשטופּן...

ס׳וואַקסן־אונטער קינדער, קיין עין־הרע,
ווי טאָפּאָלעס הויכע, כאָטש אויף הונגער,
אָן אַ שײַטל עברי, אָן אַ קדיש...
אַ מענטש איז נאָר אַ מענטש, מ׳ווערט נישט יינגער.

ס׳האָט יאָ אַ מאָל פון אַ יאַריד דער טאַטע
מיטגעבראַכט אַ הונגעריקן בעלפער,
ער זאָל זײַן אַ רבי צו די קינדער
און דעם טאַטן אין געניי אויך העלפן.

נאָר דעם „רבין״ — נאָך אַליין אַ יִנגל,
גרין און לאַנג — אַ באַנק אַרויסגעוואַקסן,
זענען תורות צוויי געווען אים שווערלעך
טראָגן אויף די אָפּגעשפּיצטע אַקסל.

ביז ער האָט מיט אונדז אַ ביסל סידור,
ווי נישט איז באַוויזן אויסצושוויצן,
האָט ער פריִער שוין די שנײַדער־תורה
אײַנגעשלונגען מיט די פּאַסנע גריצן.

גריצן — ברונעם־וואַסער מיט קאַרטאָפלעס,
ווי אַ צושמעלץ שווימט אַ מאָל אַ זשאַבע
אין דער וויאַדרע גרינלעך ברונעם־וואַסער.
נאָר דערפאַר, אַז גאָט שיקט צו דעם שבת! —

ברענגט מען פון דער שטאָט אַ פּוס צום טשאָלנט,
זענגט מען אים, מען שפּאַלט אים אין די קנאָכן. —
אָסור, אויב אַ נגיד פילט דעם טעם
פון עונג־שבת — אָן די פּאַסנע וואָכן!...

**
*

„דאַרף מען זיך אין שטאָט אַריבערפּעקלען;
ס׳איז אַזוי גאָטס ווילן מיסטאָמע:
וואָס זשע דען וואָלט גראָד אונדזער זעמליאַנקע
די איינע בלויז אין דאָרף אַוועק אין פלאַמען?״

און מיט איר, מיט דער ירושה־כאַטקע,
מיטן שטרויען דעכל, דעם פאַרגעלטן,
איז אַוועק די דאָרפישע קבצנות,
פאַר דעם זלידנע הונגער אינעם שטעטל...

געדענק איך מיך, ווי הײַנט, נאָך אינעם פורל,
צווישן דעם געפּעק, דעם אָפּגעזעגנטן. —
אַ פאָלק פאַר זיך איז יעטוועדער משפחה,
מיט אייגענע חורבנות און געדענקטעג.

זיצן מיר, דאָס קליינוואַרג, אינעם פּורל
און די גרויסע שפּאַנען בײַ די זײַטן.
הינטער אונדז — דער אָפּגעבּרענטער קוימען
האָט נאָך לאַנג אונדז נאָכגעגלאָצט פון ווײַטן...

אין שטאָט

שינדלענע דעכער און דעכער פון בלעך.
און וווּנדער: — אויך שטיבער אויף שטיבער!
געגאַפט האָט מיין דאָרפיש קינדערשער בליק,
געגלאָצט אויף דער שטאָט, ווי דורך פיבער.

אויכעט די שטאָט האָט אין פיבער געגליט,
מיט בערזעס, מיט „סטרײַקן" און פאָנען;
געגאַפט האָט דער ווײַסער בער אויף זײַן טראָן —
דער שוואַרצסטער פון צווישן די טראָנען...

אַ קרעכץ געטאָן האָט מיט ערב-געבורט,
געבלוטיקט, פאַרגאַנגען אין ווייען,
די מאַמע-ראָסיי, פון „פּאַיטערבאַרג" אָן,
ביז ווײַטן סיביר אין די שנייען.

ווימלט אויך אונדזער געסל מיט „זיי":
מיט שוואַרצע רובאַשקעס, קינדזשאַלן,
מיט פאָנען און ווילדן רײַטער-גאַלאָפּ,
מיט הוראַ! און ביקסן-געקנאַלן.

נישטאָ קיין שטעטלשע שטוב אָן אַ „פּלעק",
ס'האָט קיינעם די „בראַנד" נישט געמיטן:
דער העקעריונג און דער זון פונעם רב
באַלאַנגען דער אייגענער כיתה.

אַ כיתה מיט נײַע חסידים אַזאַ,
ווו יונגען באַזאַמען מיט מיידן
דאַוונען איין מנין אויף „סכאָדקעס" אין וואַלד,
מיט אייגענע תפילות און „ריידעס".

מיידן מיט קורץ אָפּגעשוירענע קעפּ,
מיט לאַנגע טשופּרינעס די יאַטן.
ווײַנען די מאַמעס און ברעכן די הענט,
עס קרעכצן פרום-בערדיקע טאַטעס:

„אַז זיי, נאָר זיי זענען שולדיק אין אַלץ!
אין אַלע פּאָגראָמען און גזירות!"
הענגט מען קול-קוראס אַרויס אין דער שול,
מען פּראַוועט דעם צאַר מי-שברכס...

און מאַמישע הערצער פלאַטערן אום,
ווי טויבן, די פליגל צעצאַפּלט:
ס'זאָלן, חלילה, די פלאַמען אין גאַס
די אייגענע נעסט נישט פאַרכאַפּן...

ווער קען עס וויסן, וווּ ס'וועט נאָך די נאַכט
אַ פענצטער מיט אימה אויפגליִען?
וווּ מאַמע-געוויין וועט שפּאַלטן די גאַס?
און שפּעטער — סיביר, אָדער... תּליה.

וויפל מען בעט זיך בײַ זיי: שטופּט נישט די נאָז!
איר שפּילט זיך מיט מלכות; מיט פּאָניען!
און זיי: ווי צו להכעיס — „דאַלוי ניקאָלײַ!"
אַ דיבוק, צי וואָס, מײַנע שונאים!

און ווער? — נאָך ריוועלע שאַכערס בנאָק;
און פײַוול — אַ לערער, אַ חלוש. —
זיי וועלן, הייסט עס, איצט שפּאַלטן דעם ים,
אויסלייזן די וועלט פונעם גלות?...

***

„אַמאָל... אַמאָל איז וואָס אַנדערש געווען" —
הייבט אָן זיך מײַן טאַטע דערמאָנען —
„בלויז פּריצים און כראַביעס — קאַרפּנקעפּ בלויז!
אָט דאָס איז געווען אַ פּאָוסטאַניע!"

„פּויערים מיט גלאַנציקע קאָסעס און העק;
פּריצים — באַגלײַך מיט די פּויערים;

זילבערנע שפּאָרן און אָדלערס די פערד —
אַ חיל פון סאַמע גיבורים!״.

„הײַנט, אַז די פּריצים און גראַפן אַליין
געכאַפּט האָבן המנס מפּלה,
וואָס זשע קען שלמה דער שוסטערוק טאָן,
צי לייבעלע דער באַלעגאָלע?!״.

וואָס אַנדערש, מיט גוטן: „אַדוני צאַר!״
ווי ס'פּאַסט פאַר אַ האַר אויפצוטרעטן. —
עד, ווען זיי לאָזן מײַן טאַטן דאָרט צו,
ער וואָלט אַל דאָס גוטס אויסגעגעבן:

קרעטשמעס פאַר ייִדן און פּאַכטעס אין דאָרף,
אַזוי ווי אַמאָל, גאָר אַמאָל שוין!
דאָס, וואָס ער רעדט נישט עכט-פּאָניש, איז וואָס? —
אַ קייסער פאַרשטייט יעדער לשון...

נישט בלויז פאַרן חומר

לויט מײַן טאַטע-מאַמעס ווונטשן,
האָט דער ייִנגסטער פון געזינדל,
פון דער גזע שער און אײַזן —
אַ נײַ ליכט באַדאַרפט אָנצינדן.

אַלע זין, קיין עין-הרע —
שוין אין שנײַדערשן געזעמל;
אײַנגעהויקערט בײַ דער נאָדל,
בײַ דעם קאָפּטשענדיקן פּלעמל.

ס'איז דער טאַטע נאָך מקנא
זײַנע מזלדיקע זינדלעך:
ער האָט אויסגעטריפט זײַן ראיה
בײַ די קאָניצלעך און קינדלעך.

ס'ערשטע נאַפט-לעמפּל אין שטעטל
האָט דער פּריץ אָנגעצונדן;

ס'האָט דאָס שטעטל דורך די פענצטער
פון דעם שררה דאָס באַוווּנדערט.

און געזען אין דעם א רמז
אויף אַ גיכן סוף צום גלות...
„היינט — לאָזט אוים מיט שטאָלץ דער טאַטע —
לעבן מיר דאָך, ווי די שררות!"

זענען אַלע צו דער נאָדל
שוין געשפּאַנט, ווי פערד צום וואָגן;
און... געלויבט זיין ליבער נאָמען:
מען נאַרט, ווי ס'איז אָפּ דעם מאָגן.

רעכט אַ שטיקל ברויט מיט קנאָבל,
אַ קאַרטאָפל-גריץ אַ הייסע;
אַ געבראָטענע קאַרטאָפל —
איז אַ מאכל פאַרן קייסער.

נישט בלויז פאַרן חומר וועגן
איז דעם מענטשנס בידנע לעבן;
און אַ ייִד דאַרף גרייט זיין שטענדיק
דין-וחשבון אָפּצוגעבן.

אַז פון מצוות, מעשים-טובים,
איז נישטאָ גאָר, וואָס צו ריידן —
וועט אַ זון — אַ רב אויפּשליסן
זיי דעם טויער צום גן-עדן.

דאַרף עס איך — דער סאַמע ייִנגסטער —
ווערן דער גן-עדן-שליסל;
שרעק איך מיך פאַר דער שליחות
און איך האַלט דעם קאָפּ פאַרריסן.

כאָטש איך בין דערווייל בלויז טועם
די מסכתא בבא-קמא —
טראָג איך שוין געדרייטע פאות
און אַ היטעלע פון סאַמעט.

קוקן טובענע קאַשקעטלעך
פון די שנייַדערשע טשופּרינעס
אויף מייַן סאַמעטענעם יחסן,
אי מיט חוזק, אי מיט קינאה.

ווי דער אַלטער בעל־חלומות,
אויסגעפּוצט אין זייַדן העמדל —
האַלט איך מיך פון ברידער גרעסער
און פון זיי אַ ביסל פרעמדלעך.

נאָר ס׳האָט אונדזער ברידער־קינאה
ביז מצרים נישט דערפירט מיך:
ס׳גיט די רביצין אין חדר
מיר אויף רב נאָך נישט קיין סמיכות.

כ׳בין נאָך אַלץ אין אירע אויגן
נישט פון שטעטלדיקער שיטה,
כאַטשע צו אַ בלאַט גמרא —
כ׳בין דער ערשטער אין דער כיתה.

נאָר גמרא איז אַן עסק
פאַרן פרומען רבינס וועגן;
פאַר דער רביצין אויף ווינטער
דאַרף מען האַלץ אַ ברעם אַנזעגן.

ליים, דעם אויוון צו פאַרווייסן,
ברענגען פון געבייַ צו טאַסקען. —
אַז פון אַלע חדר־ייִנגלעך
בין איך גרעסער אויסגעוואַקסן.

כ׳בין דער „דאַרפסעלוך״ אין שטעטל,
מיט אַ פויערישן פּנים,
ברייט־מאָנגאָלישע קינבאַקן —
ווי אַ יוון פון יוונים.

איז פאַר מיר די שווערע אַרבעט,
טאַקע פונקט, ווי אָנגעמאָסטן. —
אַרט מיך נישט די פּראָסטע אַרבעט,
נאָר: — דאָס זען אין מיר דעם פּראָסטן...

ס'גרייט מײַן קאָפּ זיך פאַרן שטרײַמל
און מײַן בליק גראָבט אין די ווײַטן,
דורך פאַרגעלטע חומש-בלעטער,
ביז צום שפּיץ פון יעקבס לייטער.

כ'גיי אין פוסטריט פון זײַן פּליטה,
פון באר-שבע ביז קיין חרן. —
„עפּעס — זאָגט באַזאָרגט די מאַמע —
איז דאָס קינד אַ תּל געוואָרן".

„וואָס זשע איז דיר, שניאור-לעבן,
אפשר רופן מאָטיע רופא?"
ס'טאַפּט איר שאָרסטקע האַנט מײַן שטערן,
ציילט דאָס קלאַפּן פון מײַן דופק.

גיי דערצייל עס פאַר דער מאַמען,
וואָס אַזוינס אין מיר דאָרט קראַנק איז.
כ'וויים נאָר: ס'ווּעלן דאָ נישט העלפן,
נישט קיין פּיאַווקעס, נישט קיין באַנקעס.

ס'האָט נאָך גאָר מײַן קינדער-לשון
פאַר דעם מיחוש נישט קיין נאָמען,
נעם איך קרעכצן: „אוי, די קריזשעס!"
נאָר אין מיר וויינט די נשמה.

און מיט טרערן אין די אויגן
פּראַל איך אוים פאַר טאַטע-מאַמע,
פון די בעקנס ליים צום אויוון,
פון צעזעגטע האָלץ-פּאָלאַנעס.

און מײַן אָנגערירטער כבוד
זאָלצט אַ ביסעלע נאָך איבער:
ווערן בעקנס ליים מגולגל
אין פאַרכישופטע ליים-גריבער.

פון אַ פּאָר צעזעגטע דרענגלעך —
זענען װעלדער אויסגעוואַקסן;
פון פאַרדראָס נעמט אַזש די מאַמע
צוקן מיט די ברייטע אַקסל.

ס'האָט דעם טאַטנס באָרד די גרויע —
דורכגעשטרײַפֿט פֿון רעשטלעך בראָנזנס —
אויסגעכריפּעט: „ס'וועט נישט קיינער
איבער מײַנע קינדער זשאַנדזשען!"

„קוים געשטעלט זיי אויף די פֿיסלעך,
קוים פֿון איי אַרויסגעקאַלופּעט". —
ס'האָבן דורותדיקע קריוודעס
אין זײַן אַסטמאַ־קול געכריפּעט.

*
**

און — מײַן אויסגעצערטלט שטרײַמל
האָט פֿאַרלוירן דעם געוועט,
אין געראַנגל פֿאַר דער בכורה
קעגן טוכענעם קאַשקעט...

4.9.1964

דאָקטאָריע

א

זעט מען דאָך: מען וויל נישט אויבן
געבן אויף אַ רבֿ קיין סמיכות;
ס'איז דאָס שטרײַמל נישט קיין זיווג
מיטן שנײַדערישן יחוס.

יעדער טעפּל מיט זײַן שטערצל,
יעדער מענטש מיט זײַנע דאָליעס:
ווען ס'איז באַשערט דער מיזרח,
ווען בײַ דער טיר אין פּאָליש.

ס'איז ניט שייך זיך צו באַקלאָגן —
ס'איז אַזוי גאָטס ווילן מסתמא. —
אַזוי ריידן — מער מיט זיפֿצן,
ווי מיט ווערטער — טאַטע־מאַמע.

מילא — לאָזט פאַרטראַכט דער טאַטע
זײַן געדאַנק נאָך ווײַטער וואַנדלען:
איז דאָך אויך געווען אַ צדיק
אונדזער יוחנן הסנדלר.

מה־דאָך, אַז אַפּילו אַ שוסטער
איז בײַ גאָט אַזאַ בעל־זוכה,
איז געדרונגען: נישט דער עיקר
איז די כלי, נאָר דער תּוכן.

נישט די מלאכה מאַכט דעם מענטשן,
נאָר דער מענטש מאַכט די מלאכה;
אפשר איז פאַר אונדזערם גלײַכן
דאָ אַן אַנדערע מערכה?

קיינער ווערט דעם מענטשנס גורל
נישט פאַרהאַלטן בײַ די פּאַלעם:
אויך די מזרח־וואַנט־יחסנים
שיקן קינדער הײַנט אין שקאַלעס.

ווער קען נישט דעם שוואַרצן סופר? —
סופר און דערצו בעל־תּפילה —
האָט ער אָפּגעשיקט זײַן תּכשית
אַזש קיין מאָסקווע פידל שפּילן.

גלײַך עס וואָלטן שוין, חלילה,
קלעזמער אויסגעפעלט אין כּעלעם;
ווינציק איז אים נח קלעזמער
מיט זײַן אייגענער קאַפּעליע!

קיינער ווערט אַ חתונה
פאַר נחן ניט שפּילן שענער!
נאָר גיי דריי אויף קריק דאָס רעדל,
גיי פאַרשטעל דעם ים מיט שפּענער...

אמת: וואָלסט געזען דעם תּכשיט
אין בית־מדרש ראש־השנה —
וואָלטסטו מיינען: גראַף פּאָטאָצקי,
צי אַ „יענעראַל" — אַ פּאַניע.

בלישטשענדיקע קנעפּ און שליפּעס,
אַ מונדיר — אַן אָפּגעטאָקטער!
נאָר אויב שיקן אין די שקאָלעס
איז שוין בעסער אויף אַ דאָקטער.

אַזאַ מאַמין, ווי דער רמב״ם —
שטייט בפירוש אין די ספרים —
איז געווען דער גרעסטער דאָקטער
ביי די טערקישע קייסאָרים.

מעג אוודאי וואָווע שניידער
זיין מעזיניק אָנטאָן שליפּעס;
סיי ווי לייענט ער שוין טריף־פּסולן;
שרייבט אַדרעסן — אַ חריפות!

שרייבט אויך בריוולעך ביז אַמעריקע!
און צו מאַנען אין סאָלדאַטן.
ווו האָט ער דאָס אַלץ געלערנט? —
גרויסט פאַר שכנים זיך דער טאַטע.

שוין אַצינד, אויך אָן די שקאָלעס,
גראַמט ער אָפּ די שענסטע גראַמען. —
נאָר מען וואָלט באַדאַרפט אים פריער
אונטערשטופּן צום עקזאַמען.

ס׳דאַרף זיין צונג אין פאָניע־לשון
זיך אַ ביסעלע אויסטאָקן. —
שיקט מען מיך צו פּעשע־מאַליען
נעמען רוסישע „אוראָקן״.

ב

פּעשע־מאַליע לעבט פון „שטונדן״,
לערנט, וואָס מען זאָל נישט דאַרפן;
ס׳זיצט אויף אירע ברייטע אַקסלען
אַ מאַנצבילישער קאָפּ אַ שאַרפער.

און די קורצע פינגער אירע —
קלעצלדיקע פינגער דיקע —

כישופן פון זיך אויס ממש
אויסגעהעפטע פאַרבן־שטיקער:

צי ס'איז אַ געהעפטער „מזרח",
צי אַן אויסגענייט פּרוכת. —
ווי דערנעמט זיך צו דער קליינער
פּעשע־מאַליען גאָר די כּוחות?

היינט ביי איר אַ „שירה־גריזל",
צי אַ בריוול אָפּדיקטירן,
דאַכט זיך אויס, ווי זי וואָלט פּערל
אויפגעצילעט אויף אַ שנירל:

„צום האָכגעשעצטן בראָטיגאַם"!
און „לכבוד הנגיד, החכם"! —
יעדן אַדרעסאַט באַזונדער,
לויט זיין יחוס — זיינע שבחים.

און אַזוי אויף אַלע שפּראַכן:
אויסגעפּערלט, אויסגערונדיקט.
האָט מען מיך צו פּעשע־מאַליען
אויף „אוראָקן" אָנגעדונגען.

ג.

וואָלט מיין טאַטנס דאָקטער־חלום
אפשר זיך נישט אויסגעלאָשן,
ציילט די וואָך די טעג נאָר זיבן
און שכר־לימוד — דרייסיק גראָשן.

ס'איז מיין טאַטע איצט אין גאַנצן
צו דעם בעט שוין צוגענופּלט;
ס'דעקט זיין לאַנגע באָרד די ווייסע
צו דאָס איינגעדאַרטע גופל.

ווייסער, ווי די ציך פון קישן,
בלאַנקט שוין איצט זיין באָרד די ווייסע. —
זעט ער אויס, ווי אָפּגעמאָלן
פון אַן אַלטער חומש־מעשה.

ווי ס'וואָלט איינער פון די אָבות
מיט מײַן טאַטן זיך געביטן,
אויפצולעבן אַלטע מעשיות
אין זײַן דמיון דעם צעגליטן.

וואָס מער אָפּגעוועלקט דאָס גופל —
אַלץ מער בליט בײַ אים דער דמיון...
און די ייִדן פאַר די קרעמלעך,
צי אין שנײַדערישן מנין,

ווינטשן — אָן מײַן טאַטנס שאָדן —
נאָר אויף זיי די עולם-הזה:
ליגט אין בעט זיך, ווי אַ קייסער
און ער גיט אַרויס „פּריקאַזן".

פּיפּקעט גביריש, ווי אַ קוימען
פון זײַן פײַקע מיט מאַכאָרקע;
און זײַן אשה אויף דער עלטער
פלאָגט זיך נעבעך אויף די „טאָרקן".

שוין אַ פּיס-בענקעלע בײַם לעבן —
לצעוועון-אָפּ לײַכטע צינגלעך.
הײַנט די קינדער — ווינטשן שכנים —
נאָר בײַ זיי אַזעלכע ייִנגלעך!

נישט געגאַנגען אין די קלאַסן,
אין ישיבות נישט געפאָרן;
טאַקע נאָר אַ יש-מאין;
בלויז פון זיך אַליין געוואָרן...

אמת טאַקע: שוין הײַנטוועלטיש,
גייען מיט די קעפּ די הוילע,
אָבער זייער כבוד-אָב —
אויסצופאָרן גאַנץ קרוין-פּוילן!

אַזוי ווערן מיר, די קינדער,
אינעם שטעטל אָפּגעמאָלן;
נאָר שכר-לימוד פּעשע-מאַליען
קען מען פאָרט מיט דעם נישט צאָלן.

איך אַליין בין נאָך אין וואָגן
פון פרנסה נישט פאַרלייצלט,
גייען צוויי געשפּאַנט צום דישל
און דער טאַטע — קרעכצט און בײַטשלט...

קיינעם פּאַלט נישט אײַן דאָס בײַטשל
פון זײַן האַנט אַרויסצושלאָגן.
אַדרבא: זאָל ער מיינען,
אַז ער זיצט נאָך אויפן וואָגן...

זענען צוויי בלויז צום פאַרדינען
און דערצו נאָך — קינדער, יינגלעך;
און צום טיש דעם נישט געדעקטן —
זיבן מײַלער, זיבן שלינגערס!

כאָטש עס האַלט שוין איצט דער טאַטע
מער פון בענטשן, ווי פון עסן...
און די מאַמע פלעגט אַפילו
שבת זיך צום טיש ניט זעצן.

שפּעטער, בײַ דער קיך אַ קײַ־טאָן
ווען מען נישט דערקײַטן ביסן;
און דערקראַצן מיט אַ לעפל
ווען מען נישט דערקראַצטע שיסל.

ד

ווייסט מען טאַקע נישט, וואָס פריִער
הייבט מען אָן דאָ צו פאַרלאַטען:
אַ וואָך שכירות פּעשע־מאַליען,
צי אַ יאַיכעלע דעם טאַטן?

כאָטש זי מאָנט נישט אירע שכירות,
מיט קיין וואָרט נישט, מיט קיין מינע,
ווערט אַלץ שווערער אָנצוקלאַפּן
אין מײַן לערערינס „ציטרינע".

וואַקסט מײַן לערן־חוב, ווערט גרעסער
און מײַן לערן־ווילן — טעמפּער;

ס'נעמט מײַן לערן־ברען זיך לעשן,
ווי אָן קעראָסין דאָס לעמפל.

פּרוּוו איך נאָך דעם לעצטן טראָפּן
קעראָסין מיט וואַסער מישן...
דאָס, שוין צאַנקענדיקע פלעמל,
אויפצומונטערן אַ ביסל.

אין מײַן קינדערשער פאַרצווייפלונג
דעם שכר־לימוד צו פאַרלאַטען,
קלײַב איך ביינער אויף די מיסטן
און פאַרקויף זיי צו אַ שמאַטניק.

ס'העלפט מיר צו אין דער מלאכה
ס'קלענסטע שוועסטערל מײַנס, דאָבע,
אָדער, ווי עס רופט זי צערטלעך
טאַטע־מאַמע: „דער ווייסקראַבעק".

נישט פון זעמלמעל אויף בוימל
דער „ווייסקראַבעק" איז געבאַקן;
אַ פאַרגרינטע — הויט און ביינער!
אָן אַ טראָפּן בלוט די באַקן.

נאָר די גרויסע ברוינע אויגן
שפּילן זוניק מיטן גרינעם. —
העלפט מיר דאָבע מײַן דאָקטאָריע
אויף די קופּעס מיסט געפינען...

ווי עס וויל זיך איר דעם ברודער
זען פאַרפּוצט מיט עפּאָלעטן!
ווען זי זאָל שוין זײַן אַ גרויסע,
וואָלט זי גאָט דערפאַר געבעטן.

גיסט זי אויס איר הייסע תפילה
דורך די פלינקע, דאַרע פינגער,
ווי זיי וואָלטן נישט קיין ביינער
אויפגעקליבן, נאָר זיי זינגען.

ה

וואָלט איך נאָך מײַן דאָקטער־גלות,
ווי נישט איז, געשלעפּט אויך ווײַטער,
נאָר עס האָט זיך נײַנצן־פערצן
אויפן האָריזאָנט צעשײַטערט.

האָבן אויכעט אונדזער כאַטע
גלײַך אַ לעק געטאָן די פלאַמען:
כ׳האָב דרײַ ברידער „זאַפּאַסנאָיע"
און אַ שוואָגער אַן אולאַנער.

1914

א

און די ייִדן אין בית־מדרש —
אויסגעדינטע פּאָניעס אַלטע —
ווייסן זיכער: די מילחמה
וועט קיין חודש נישט אָנהאַלטן.

נאָך אַ סברא: די צאַריניע
לייגט זיך שטאַרק אַרײַן אין פרידן. —
ווייסן ייִדן אין בית־מדרש;
אַלצדינג ווייסן זיי, די ייִדן.

סײַדן: ס׳איז דער קץ שוין נאָענט —
פינקלען־אויף די אַלטע אויגן. —
וועט אין סוף פון אונדזער גלות
אויפשטיין גוג קעגן מגוגן.

און אַז גוג מיינט — ניקאָלײַקע
און מגוג — דער שוואַב ווילהעלם —
ווייסן אויך געוויס די ייִדן
אין בית־מדרש, אין שטאָט כעלם.

און ווען ס׳וועלן די רשעים
מאַכן פול די מאָס פון לײַדן,

ווען דער מלך המשיח
מנצח זײַן דאָן בײדע.

איז דאָך איצט באַשײַנפּערלעך
שוין די לײַדן־מאָס אַ פֿולע. —
זענען ייִדן זיך שוין מכין
אויפֿצונעמען די גאולה.

בלויז אַ שאָד, וואָס ס'האָט מײַן מאַמע
נישט געגעבן איר הסכּמה:
אויב — זאָגט זי — עס קומט משיח,
דאַרף ער קומען אָן מילחמה.

זאָל ער מוחל זײַן איר העזה,
נישט קיין דעות קומט זי זאָגן,
נאָר די זין אירע — יתומים —
האָט קיין שטיין נישט אויסגעטראָגן...

ב

יונג געבליבן אַן אַלמנה
מיט דרײַ פּיצלעך בײַ דעם פּאַרטעך;
האַרט געווען פֿאַר איר דאָס לעבן,
נאָר איר לעבנס־ווילן — האַרטער.

נישט געווען צו שווער קיין טועכץ
פֿאַר די הענט אירע און אַקסלען:
זומער אויפֿן פּריצס פֿעלדער,
ווינטער האָלץ פֿון וואַלד צו טאַסקען.

און דעם עודף האָלץ אין בינטלעך
צו די שטאָט־ייִדן פֿאַרקויפֿן;
פּרײַטיק פֿרי מיט פֿרישע זעמל
אויפֿן דערפֿל אַרומלויפֿן.

בײַ דער ערשטער באַן אין כעלעם,
אויפֿן אַנשיט פֿון די שינעס,
קען מען אפֿשר הײַנט אַפֿילו
אירע האַנטצייכנס געפֿינען.

בלויז די איינציקע „זשידאָווקאַ"
צווישן פּויערים־כאַכאָלן
איז געווען דאָרט מײַן מאַמע. —
ס'האָבן פּויערים געקוואָלן:

„ווי אַן אייגענע אין גאַנצן
איז די זשידאָוועטשקאַ כײַקאַ!"
גייט אַרום איר שם אויף דערפֿער,
ווי אַ מעשׂהלע, אַ „בײַקע".

ס'איז איר לשון עכט־כאַכלאַצקע
און עכט־„גוייִש" איר האָרעוואַניע. —
„זי יאָגט־איבער אַלע פּויערים" —
זאָגט פֿאַרגאַפֿט דער בוי־נאַטשאַלניק.

„נאָר דו ווערסט נישט לאַנג אַניאָגן
אויף טרוקן ברויט און האַרטע אײַער;
ס'וועט פֿאַר דיר מײַן קיך זײַן אָפֿן,
מײַן מישפּחה־טיש אַ פֿרײַער".

„כ'וועל אַליין פֿאַר דיר אויסטיילן
רויעם פּראָוויאַנט — פֿונעם בעסטן,
ברענג דיר מיט אַ כשר טעפּל,
קאָך אויף ייִדיש זיך דאָס עסן".

ס'האָט אים שטאַרק באַדאַנקט מײַן מאַמע:
„גאָט זאָל פֿריִיִן דיר באַצאָלן!"
און פֿאַרענדיקט מיט אַ קרעכצל:
„אַ גוי פֿאַרלענגערט נאָר ס'גלות!"

ג

האָט מײַן מאַמע פֿאַר דער גאולה
מער פֿון אַנדערע געליטן,
דאָך וואָלט זי אויך צען גאולות
אויף קיין איין זון נישט פֿאַרביטן.

ס'מיינט אַוודאי נישט מײַן מאַמע
אין גאָטס דרכים זיך צו מישן:

וואָס מ׳שטיינס געזאָגט אין גאַנצן
ווייסט אין דעם אַ בידנע אשה?

קוים זי קען אין שול נאָכקריכן
דער פירזאָגערין אין מחזור,
דאָך פאַרשטייט זי, אַז משיח
איז, חלילה, נישט קיין אַכזר.

און אויב קומען בלוט פאַרגיסן —
האָבן מיר געגנוג שוין אָן אים;
קען ער זיך מיט דעם פאַרלאָזן
אויפן שוואָב מיט די יוונים.

איז אומזיסט די גאַנצע טירחה,
וואָס ער איז זיך דאָ מטריח! —
פירט זי מיט געשטרעקטע אָרעמס
מיטן הימל אַ וויכוח.

ד

נאָר עס ענטפערט אָפּ דער הימל
אויף מײַן מאַמעס הייסע טענות
מיט אַ הוראַקאַן פון באָמבעס,
מיטן זשום פון עראָפּלאַנען.

און די ערד אַרום אונדז פיבערט
אין געקראַך פון פראָנט־האַרמאַטן;
ווי פון יאַטקע־קלאָץ צעטרייבערט
פירט מען פונעם פראָנט סאָלדאַטן.

און דער וועג צום „לאַזאַרעט״
איז באַפּלעקט מיט בלוט און אײַטער;
הינטער די שפּיטאָל־שטאַכעטן
וואַקסן פרישע קברים־בייטן.

איבער פרישע קברים־בערגלעך,
אונטער מאַמעס טרערן הייסע —

ווי פון פעטן טוי באַפּרוכפּערט —
בליט אַ צלמים־וואַלד אַ ווײַסער.

**
*

אינעם ים פון מאַמע־טרערן
פּליסט מײַן מאַמעס טרער די שטילע:
ס׳האָט איר עלטסטן יתום, לאָזער,
נישט באַשיצט איר הייסע תפילה...

„פון ים צו ים"

א

מיט די קנוילנדיקע רויכן
שטיקן זיך נאָך האָריזאָנטן;
צו די אָפּגעבערענטע היימען
וואָגלען זעלנערס פון די פראָנטן.

זעלנערס — גלאָוניעס נישט דערברענטע —
אויסגעמאַרעטע, פאַרקריפּלט,
נאָר מיט פונקען אין די אויגן,
מיט „סוואָבאָדאַ" אויף די ליפּן.

און מיט ווערטער — שאַרפע פײַלן —
קעגן „פּאַנעס", „פּאַראַזיטן". —
ס׳האָט דאָס פײַער פון אָקטאָבער
אויפגעזאָטן די געבליטן.

נאָר די „פּאַנעס" שמייכלען שעלמיש
אין די גאַוהדיקע וואָנצעס:
איצט איז זייער צײַט געקומען,
די געגאַרטע צײַט צו „זשאָנדזשען".

און „פון ים צו ים" אויסשפרייטן
זייער קעניגרײַך דאָס אַלטע. —
הונדערט פופציק יאָר פון קנעכטשאַפט
גרייט זיך איצט דעם ים צו שפּאַלטן...

נאָר דער וועג צום ים איז ווייטלעך
און פאַרשטעלט פון באָלשעוויקעס —
שפּאַלט מען אויף די קעפּ ביי ייִדן,
שטעכט מען קינדער אויף די שטיקעס.

פון די לויפנדיקע באַנען
וואַרפט מען ייִדן דורך די פענצטער,
ביי דעם שפּיציקן כיכיקען
פון די „איידעלע" פּאַניענקעס.

אונטער די וואַגאָנען־רעדער —
מיט די גוססדיקע ייִדן —
גוססט פּוילנס פרייהייט־חלום,
צאַנק אין בלוט אוים פּוילנס פרידן.

ב

אויף מקבר זיין דעם פרידן —
גראָבט מען וואָס מער יונגע קברים. —
נישט אומזיסט האָט דאָך מיין מאַמע
אויסגעכאָוועט מענער, זכרים.

זכרים ווזקסיקע און קרעפּקע,
כאָטש אויף פּאַרעווע יושקעס, פּאַסנע. —
ווייסן דען פון זייער וואַקסן
אינעם וואַלד די שלאַנקע סאָסנעס?...

דאַרפן מיר איצט — שוין די ייִנגסטע —
פּוילנס גרויסקייט צו באַשיצן. —
האָט מען אָנגעטאָן מנשהן
האַלערס מיצל מיט פיר שפּיצן.

איך אַליין ווער אַ פּילסודטשיק —
איר זאָלט זען אַ זעלנער פּוילנס:
אַ שוואַבישער מונדיר מיט לאַטעס,
אַ ביקס אַ רוסישע אָן קוילן.

אַ פראַנצייזיש פעלד־האַרמאַטל,
שיך פון אַנקל סעמס מדינה;
און פון פוילנס אַרסענאַלן —
בלויז דער „זשיד!”, די שלאַנגען־סלינע.

ג

שווער ביי מײַנע יאָרן צוואַנציק
מיטן הונגער זיך צו קריגן,
נאָר כ׳וואָלט קאָרע פון דיביימער
אָפּגעגריזשעט און געשוויגן.

כ׳האָב דאָס זעגעכץ־ברויט געקײַט,
ווערעם־בעבעלעך געשלונגען,
נאָר דער ווערעמדיקער „זשידזשע”!
האָט ביז הײַנט נאָך נישט פאַרקלונגען.

האָב איך שטום־געמאַכט די לופע
פון דעם פעלד־האַרמאַטל מײַנעם,
אינעם זיגער־מאַרש אויף קיִעוו —
אויף דער הויפּשטאָט פון אוקראַיִנע.

כ׳האָב געפּרוּווט — אין קוילן־האָגל —
אויפן צווייטן פראָנט אַריבער:
כ׳האָב געגלייבט די פּאַנסקע שינאה
אויסבײַטן אויף רויטער ליבע...

קריעת־אַטלאַנטיק

פון דער כעלעמער „יעזשערע” ביז דעם אַטלאַנטיק —
איז פּאָלג מיך אַ גאַנג! דער קאָפּ נעמט זיך דרייען.
אין רענצל — דאָס איינציקע העמד פון די באַנטעס.
אין העפטל — אַ פּאָר צענדלינג גראַמיקע ווייען.

דער שערבורגער פּאָרט — מיט געפעק אָנגעשוואָלן,
און אויפן געשווילעכץ — דאָס אייגענע פעקל.
די כוואַליעס, צעשפריצטע אין טראָפּנס קרישטאָלן,
פאַרלאָקן דאָס אויג, דאָס פאַרגאַפטע, און שרעקן:

אַז ווײַט איז דער וואַסערוועג ביז אַרגענטינע.
דער ים — אויפגעשטורעמט מיט בערגער און גריבער. —
בעט יעדער אין שיף פון זײַן אייגענער תחינה:
די שיף זאָל דעם ים אָן שום מיכשול אַריבער.

דאָך האַלט אונדזער שיף זיך נישט בלויז אויף קיין תפילות.
נישט יעדערער וויל הײַנט אויף גאָט זיך פאַרטרויען...
מיר טראָגן אין קעשענע אייגענע סגולות,
ווי שענער און בעסער גאָטס וועלטל צו בויען.

אויפבויען אַ וועלטל — אָן אמתן גן־עדן! —
אַזוי ווילן מיר, די עשרה־בטלנים.
אַ ווונדער־סימפּאָניע פון שטאַמלען און ריידן,
אויף שבעים לשונות, שפּילט־אויס אונדזער חלום.

אויך ס׳אייגענע לשון, אין שפּראַכיקן בבל,
צעשפּילט זיך מיט גאַר זײַנע חנען און רייצן,
און פעלן־אויס ווערטער איז לײַכט צו דערזאָגן
מיט היימישע יידישע תנועות און קנייטשן.

**
*

נײַנצן פיר און צוואַנציק, אַ פרילינג־באַגינען,
ווען ס׳נעמט אונדזער שיף אינעם פּאָרט אַרײַן קריכן.
אין פּאָרט בוענאָס־אײַרעס, פון לאַנד אַרגענטינע,
מיט טויזנט צוויי הונדערט פאַרשיידענע „איכן״:

פון פריצישן פּוילן, פון ליטע, אוקראַינע,
פון שפּאַניע, איטאַליע און אַנדערע קאַנטן.
און צווישן זיי אַלע — דרײַ הונדערט אַחינו —
ווי שפּענער זיי שווענקט איצט אַרום דער אַטלאַנטיק.

און איך — נאָך אַ שפּענדעלע צווישן די שפּענער.
געוויקסיק, נאָר קוים ערשט די צוואַנציק אַריבער.
אין האַרצן — אַ קאַצן־געיאָמער פון טענער.
דער בליק — אָנגעשפּיזט צו דעם פּאָרט, ווי אין פיבער.

עס וויל מײַן צעפיבערטער בליק אויסגעפינען
מײַן אייגענעם ברודער אין האַפן־בהלה. —

אַ ברודער, וואָס נעמט קוים אַליין אַרײַנדרימען
אין פרעמדן געוועבעכץ — זײַן אייגענע דאַליע.

דאָך וואָרט שוין אויף מיר אַ געלעגער אַ פרישער,
דאָס פערטע צום ברודערס געלעגער־מזומן:
פיר אײַזערנע בעטלעך, אַ הינקענדיק טישל,
אַ גלאָז אויפן טישל, אין גלאָז — אַ פּאָר בלומען...

אַפּריל, 1971

גריניווי

מיט ליידיקע טאַשן, און לשון אין מויל,
צעריסן פון בענקשאַפט, מיט חלום אין בליק —
האָב איך, אויף די שטיינערנע גאַסן פון שטאָט,
געזוכט דעם פאַרלוירענעם וועג אויף צוריק.

דעם וועג צו דער היים, צו דער היימישער נויט:
צום טרוקענעם ברויט, צום פאַרזשאַווערטן פלומפּ;
צו שבת־מײַיווקעס אין היימישן וואַלד;
צום קוואַקען פאַר נאַכט פון די זשאַבעס אין זומפּ.

און דאַ, אינעם כרך, אין דער שטיינערנער שטאָט —
האָט אַלץ אָנגערוקט זיך אויף מיר און געקלעמט:
די פּלאַטשיקע דעכער, און פענצטער די הייף,
דער חוזק פון קינדער אין גאַסן — די פרעמד.

מײַן טריט האָט פאַרלוירן די ערד אונטער זיך;
די הענט — צוויי לא־יוצלחם — כאָטש וואַרף זיי אַוועק;
דער קאָפּ — אויסגעליידיקט און שווער אויפן קאַרק;
די אויגן — פאַרגאַפּעט אויף נעכטיקע טעג.

דאָך גוט, זייער גוט, וואָס דער וועג אויף צוריק
געוווען איז מיט פּלויטן פון דלות פאַרצוימט:
אַנדערש וואָלט לאַנג אויך מײַן שטויבעלע אַש
געבלאָנקעט מיט זעקס מיליאָן שטויבן אין רוים.

ס'איז הייליק דאָס אייגענע לעבן און ליב,
נאָך הייליקער פיל איז דאָס לעבן פון קינד:
דאָס פינטעלע לעבן, וואָס כ'האָב דאָ געבראַכט —
האָט זיך שוין אין דורות אין נײַע פאַרשפּינט.

אַ זון מיט אַ טאָכטער פאַרפלאַנצט אינעם פאָלק. —
צעוואַקסט זיך מײַן גאָרטן אין גערטנער־געפלאַנץ.
דורך זיי פלעכט איך איצט נײַע דורות אַרײַן —
אין פאַרביקן ייִדיש־מענטשלעכן קראַנץ.

ס'איז אַנדערש די ייִדישקייט זייערע הײַנט,
ווי אַנדערש ס'איז מײַנע געווען אין איר צײַט
פון טאַטנס און זיידנס. — ס'איז אַנדערש דער קלאַנג
פון איטלעכן רינג. — נאָר ס'איז איינע די קייט.

סעפּטעמבער, 1971

ערשטע טריט

שווער איז צו ווערן אַ סופר בײַ סופרים,
הײַנט נאָך אַ סופר בײַ דעם עם־הספר! —
ווי זשע זאָל איך דאָס פון דאָרפישן יחוס
ווערן פון ייִדישע פּערזן דער שלײַפער?

געברענגט פון דער היים אַ העפטל מיט לידער —
וועט סטײַען קוראַזש דאָס עמעצן ווײַזן?
און ווער וועט זײַן דער צו געבן מיר סמיכה,
אָדער, חלילה, פאַרקערט — און נישט גרײַזן?

גראָד נעמען אויפקלינגען קינדערשע ריטמען,
אין מיר, דעם מאַנצביל מיט ברייטלעכע פּלייצעס. —
שפּיר איך פון אומעטום שטעכלקע־בליקן;
אַנדערע סלינען מיט פרײַנטלעכע עצות:

„אויך איר?" — הער איך אָפט, האַלב־חוזק האַלב־חידוש —
אַן ערנסטער מענטש, דערצו אַ בעל־לשון.
דאָ, גוטער ברודער, זוכט יעדערער תכלית.
דאָ איז דאָס ליד פון די לידער — דער גראָשן.

פיל איך נאָך איטלעכער פריינטלעכער עצה,
ווי אונטער דער הויט מיינער קריכן־אום שפּינען.
ווי עמעצער וואָלט — זייט טויזנט מאָל מוחל —
גלייך אינעם קידוש־ווײַן מיר אָנגעספּליניעט.

***

נאָר צווישן גערייד און שפּיציקע בליקן,
איז גראָד ווי אַ ווײַסע טויב אָנגעפלויגן,
אַ ציכטיקער שול־טעקסט פון גרויסן ניו־יאָרק. —
קוק איך און גלייב נישט די אייגענע אויגן!

מײַן נאָמען צווישן די גדולי־הסופרים:
אַש, אַברהם רייזען, ר' מענדעלע, פּרץ. —
שמייכלען צו זיי מײַנע קינדערשע סטראָפעס,
פרײלעך צעשטיפט און מיט גרויס דרך־ארץ.

ווידער אַ בשורה — און דאָס מאָל אויף נאָטן —
פון מוזיקער מיכל געלבאַרד פאַרתּפילהט.
סידאָר בעלאַרסקי און אַנדערע טרילערס
האָבן די ריטמען די נײַע צעטרילעט.

כ'טראָג מיך אַרום שוין מיט רייזענס אַ בריוול;
ס'וואַרעמט זײַן ברוך־הבא אין „די פעדער". —
שעם איך פאַר פרײַנד זיך דערמיט צו באַווײַזן;
כ'וויל נישט פאַרשעמען דערמיט די באַריידער...

דאָך, זיכערער ווערט די פען אין די פינגער,
און שווערער אַ סך דער יאָך אויף די פּלייצעס:
כ'וויים, אַז פון דאָ ביז אַ שטול אין גן־עדן —
איז פאָלג מיך אַ גאַנג, ווי שווער און ווי ווײַט ס'איז!

גרויס דאַרפן זײַן נאָך די שרײַבערשע מצוות
אויף אײַנקויפן זיך אַ קריש עולם־הבא.
וועל איך, דורך אַלע זעקס וואָכנטעג שווערע,
אָניאָגן כאָטש ניט פאַרשפּעטיקט אויף שבת?

***

ס׳קומט־אָן אַהער אויף אַ פּען־קאָנגרעס לייוויק —
זײַן פּנים נאָך יונג, דער קאָפּ אַ באַשנייטער.
ס׳האַלטן טייל שרײַבערס די הענט אויפן דופק:
אַ רמז, אַ ווונק, אַ וואָרט אויסצובײַטן.

שווער איז דעם רבין ר׳ לייוויק צוטיילן,
אַפילו פאַר זיך, אַ שטול אין גן־עדן.
אַ רבי, וואָס פירט נישט קיין חסידישע טישן.
איז שטרענג צו דעם וואָרט און קאַרגלעך אויף ריידן.

מאָלט זיך מיר דעמאָלט „אַ מענטש״ אויס אין פּערזן:
אַ שפּיל מיט לייוויקיש־גײַסטיקע שטריכן. —
האָט לייוויק דאָס ליד מיט זיך אומגעטראָגן
און האָט עס מיט אַנדערע לידער פאַרגליכן.

און לייוויקיש־האַרב געזאָגט צו אַ שרײַבער —
דערבײַ אויף מײַן ליד געפּירט מיטן פינגער:
„הערט נאָר דאָס לשון, דעם ניגון, דעם תוכן! —
לערנט דערפון ווי אַזוי מען דאַרף זינגען״.

***

מײַן טריט אויף אַהיים־צו האָט זיך געפּלאָנטערט;
ווי נאָך אַ כּוסה אַ שאַרפער געשטרויכלט.
ס׳צערטלט דאָס האַרץ מײַנס די ווערטער פון לייוויק;
ס׳בלאָנדזשעט מײַן בליק אין אַ בלוילעכן רויכל...

פעברואַר, 1972

אַש!

מײַן טאַטע האָט פרום אויף גאולה געוואַרט;
און איך האָב געוואָלט די גאולה־שלימה —
דורך קפיצת־הדרך פון לענין און מאַרקס —
ברענגען אויף אונדזערע שוועלן, בימינו.

כ׳האָב די אַלטע גמרא פאַרמאַכט, אָן אַ קוש...
און נײַע מסכתות געקנעלט מיט התמדה;

פאַרמאַסטן זיך שפּאַלטן דעם ים צו דער וועלט;
אײַנקריצן אַן אות אין דער נײַער הגדה.

מיט גלאַנץ אין די אויגן געוואַרט אויף דער שעה,
אויף דער גליקלעכער שעה צו הערן דאָס שאַלן
פון שופר, וואָס איז שוין מבשר די טריט,
פון דעם גואל-צדק: משיח-בן-סטאַלין.

געבענטשט די משיחיש-באַשטיוולטע טריט,
אויך זייער צעטרעטן — באַשאָטן מיט ברכות.
געזוכט און געפונען אַ רמז, אַ ווונק,
אַ ריח-ניחוח — אויך אין די געסרחות.

ווען ס'האָט זיך צעוואַקלט מײַן אייגענער טריט —
אין מיטן די שטײַפע, געפּאַנצערטע רייען —
איז העכער געוואָרן מײַן שטים אין דעם כאָר:
דעם קאַצן-געיאָמער אין האַרץ צו פאַרשרײַען.

דעם שפּיץ פון מײַן סמיקער פּײַל אָנגעצילט —
מערער אויף זיך שוין אַצינד, ווי אויף יענעם;
צעבלאָזן דעם פלאַם פון גהינום אין בלוט:
דעם מורד-במאַסקווע פון זיך אויסצוברענען.

געטרייסט זיך, אַז: „שווער איז דאָך יעדער געבורט".
געוואָרפן מיט ראיות — דעם מאַרך צו באַטויבן. —
ס'האָט היטלער אַ דריטל צעאַשט פון מײַן פאָלק —
און סטאַלין צעאַשט האָט מײַן גואל, מײַן גלויבן.

***

דאָס הייליקע אַש פון מײַן פאָלק, פון מײַן שטאַם —
רוט שוין בײַם כסא-הכבוד אין שלום.
גאָט, זײַ מצרף צום הייליקן אַש —
דאָס אַש פון מײַן גרויסן, פאַרשרפהטן חלום!

מײַ 1972

אויף סאַן מאַרטינס ערד

מײַן װיגל איז דאָ נישט געשטאַנען;
מײַן פֿרילינג האָט דאָ נישט געבליט;
נאָר דאָ האָט מײַן זומער געגאָלדיקט,
מײַן װײץ אויפֿן פֿעלד אויסגעבריט:

מײַן װײצן בלאָנד־האָריקע טאָכטער,
מײַן בראָנדזן גאָלד־האָריקן זון. —
אַ פֿרוכט פֿון דור־דורות ירושה
און הייסער סוב־טראָפּישער זון.

און דאָ האָט מײַן ליד זיך געצײַטיקט
אין דערנערדיק־בלומיקן בלי;
אַ קאַקטוס אויף פֿעלדזיקע שפּאַלטן,
אַ קינד פֿון מײַן אומרו און מי.

שנײַד איך די פֿרוכט פֿון מײַן זייען
דאָ, אויף דער ערד סאַן מאַרטינס,
װאָס האָט מײַנע קערנער געצײַטיקט,
מײַן אייגענעם גאָרטן צעגרינט.

אמת: כ׳האָב דאָ נישט געפֿרילינגט,
נאָר דאָ האָט געזומערט מײַן שניט
און האָט מײַנע קערנער־ירושה
פֿאַר נײַעם פֿאַרזיי אָפּגעהיט...

מײַנע זיבעציק זונקרײַזן

כ׳האָב זיבעציק מאָל די זון אומגעקרײַזט שוין. —
נישט לײַכט איז געװען די נסיעה...
ס׳איז זיבעציק־פֿאַך מײַן פּנים געקנייטשט שוין.
די בליקן — מיט שאָטן פֿון שקיעה.

דאָך װיל זיך נאָך ציילן די זוניקע רונדן:
נישטאָ צוליב װאָס זיך צו אײַלן.

ס׳ווילט זיך אַפילו די קנייטשן און ווונדן
פאַרקאַרבן אויף קאָסמישע מײַלן.

מיר פעלן צום חשבון נאָך זוניקע רינגען,
נאָך שטאַפּלען אין קאָסמישן לייטער:
מײַן קינדהייט האָט גיריק דער הונגער פאַרשלונגען.
מײַן יוגנט — אין קריגספּלאָם פאַרשײַטערט.

מײַן רײַפקייט — צערויכערט אויף פרעמדע מזבחות.
צום עגל־הסטאַלין גענייגט. —
דאַרף איך דעם חשבון, דעם אַלטן, אויסגלײַכן —
מיט אַ נײַעם זוניקן עיגל...

יולי 1972


כנרת

כנרת

כ'האָב דיך היינט, כנרת, באַרירט מיט מיינע פינגער! —
און כ'האָב דערשפּירט: די אייביקייט פּליסט דאָ, צווישן זיי!
און יינגער זיך דערפילט: צוויי טויזנט יאָרן יינגער.
אַז איך בין היינט פון דיין שוים געבוירן פון דאָס ניי.

אַז איך בין און בלייב אַ טראָפּן אין דיין בלייביקייט.
אַ זעמדעלע, אין גרויען זאַמד, ביי דיין בלויען ברעג. —
כ'האָב געטונקען מיינע פינגער היינט אין אייביקייט —
און די טראָפּנס אייביקייט פון זיי אַראָפּגעלעקט.

אָקטאָבער 1969

דאָ וועלן מיר שבת־האַלטן!

דאָ וועלן מיר שוין אונדזער שבת האַלטן !
דאָ וועלן מיר אויך וואַכן אין דער וואָכן ! —
מיר האָבן אונדזער וואַנדערשטאָק דעם אַלטן
צום לעצטן מאָל אין חיפּהער פּאָרט צעבראָכן...

און דאָ צום לעצטן מאָל די וואַנדער־פליגל
דעם צה״ל שוין אָנפאַרטרויט מיט גלויבן :
אַז טויבן וועלן איבער קראָען זיגן —
ביז די קראָ וועט נעסטן מיט די טויבן.

דאָ וועלן מיר שוין אונדזער שבת האַלטן !
דאָ וועלן מיר פאַרשבתן די וואָכן ! —
מיר האָבן אונדזער וואַנדערשטאָק דעם אַלטן
צום לעצטן מאָל אין חיפּהער פּאָרט צעבראָכן...

יאַנואַר 1970

פינף אותיות

צום 24סטן יום העצמאות.

פינף אותיות אין וואָרט —
און דאָס וואָרט שײַנט אַזוי העל!
פינף אותיות אין וואָרט —
און דאָס וואָרט מיינט: ישראל!

פינף אותיות אין וואָרט —
און דאָס וואָרט קלינגט אַזוי שיין!
פינף אותיות אין וואָרט —
און דאָס וואָרט מיינט: אונדזער היים!

פינף אותיות אין וואָרט —
און דאָס וואָרט קלינגט אַזוי גרויס!
פינף אותיות אין וואָרט —
און דאָס מיינט שוין: יעקבס הויז!

פינף אותיות אין וואָרט —
אַלטע צייכנס פון תנ״ך —
האָבן אונדז געלויכטן העל
אין דער לאַנגער וואַנדער־נאַכט.

פינף אותיות אין וואָרט —
און דאָס וואָרט מיינט: מאָרגן־שײַן —
נאָך דער שוואַרצער גלות־נאַכט,
פאַר אַ נײַעם טאָג פון זײַן!

דאָס וואָרט פון פּײַער

נאָך דער 6־טאָגיקער מלחמה.

הערט־צו, מײַנע קינדער, יצחק און משה,
דאָס רעדט אײַער גאָט פון דעם אייביקן סנה.

טוט־אוים די שיך! — דאָ איז הייליק דאָס אָרט! —
און נייגט־צו דאָס אויער צו הערן גאָטס וואָרט.

און זאָגט צו מײַן אויסדערוויילט פאָלק, צו מײַן שטאָם:
דער גאָט, וואָס האָט איין מאָל געשפּאָלטן דעם ים —

דער גאָט וועט איצט שפּאָלטן, אין גאַנג צו דער פרײַ,
דעם שטראָם פון עקאַבאַ, דאָס זאַמד פון סיני.

איך גיב אויך מײַן ירדן אין דײַן האַנט אַרײַן —
צו שפּײַזן דעם נגב מיט ברויט און מיט ווײַן.

דעם בלוטיקן שונא, וואָס ברילט מיט פאַרלענד —
גיב איך איצט איבער צו דיר אין די הענט!

איך וועל אים צעשפּרייטן פאַר דײַן אָנגעזיכט;
און עפענען כ׳וועל זײַנע אויגן צום ליכט.

צום אייביקן ליכט פון מײַן אייביקער שטאָט. —
כה אָמר, אזוי האָט געזאָגט אײַער גאָט!

נישט קיין נס

נאָכן אויפקום פון מדינת ישראל.

נישט קיין נס איז דאָרט געשען:
ס'איז דאָס פאָלק דערדריקט געווען —
האָט דאָס פאָלק מיט ביקס אין האַנט
אויסגעברענט דעם אָקופּאַנט.

אויסגערייכערט, טריט-נאָך-טריט,
דעם עפענדי און דעם בריט,
אַז עס זאָלן שוויים און מי —
אויפגיין אין פּרדסים-בלי.

אַז דער ניל און ירדן-טײַך
זאָלן זיך אַ לאָז-טאָן גלײַך
קעגן מדבר אין געוועט —
און באַזיגן אים מיט זעט.

אַז עס זאָל דער נײַער דור,
ריטמיש, אין טראַקטאָרן-כאָר,
מיט אַ פרידן-מאַרש אויפגיין —
קעגן נגבֿס זאַמד און שטיין.

אין גליל זאָל דער פעלאַך
האָבן רו אונטער זײַן דאַך;
אַז די רו פון זײַן געצעלט —
זאָל אויך בליִען אויף זײַן פעלד.

נישט קיין נס איז דאָרט געשען:
ס'איז קיין ברירה נישט געווען!
האָט דאָס פאָלק מיט זײַן געביין
דעם וועג געפּלאַסטערט צו זײַן היים.

נאָך דײַנע טריט

מײַן שוועל האָט זיך אין טוי געוואַשן —
אויף דײַנע טריט געוואַרט.
די זון האָט איר טוי אַראָפּגעקושט
און פאַרגאַנגען באַצערט —
דו ביסט נישט געקומען.

איז מײַן טראָט איבער וואַנדער-וועגן —
נאָך דײַנע טריט אַוועק;
צו הויכע באַרג-שפּיצן דערקלעטערט,
צום ימס באַגרינטן ברעג —
און דיך נישט געפונען.

האָט די בענקשאַפט מײַן האַרץ באַפרוכפּערט,
אין פערזן זיך צעצווײַט,
זענען פלאַטערנדיקע צווײַטן
געפאַלן צו דײַנע טריט —
און דיך צו מיר געפירט...

30סטער יולי 1951

דו

װער נאָך קען אַזױ דאָס האַרץ
טראָגן אָפֿן אין די אױגן,
אונטער אַ צעבליטן קוסט
פֿון געדיכטע ברעמען־בױגנס ?

װוּ נאָך האָט אַזױ פֿיל זין
אין אַ שמייכל זיך געשפּיגלט
און זײַן שכּלדיקע טיף
אױפֿן שטערן אָפּגעזיגלט ?

װער נאָך האָט אַזעלכע רייד
אױסגעפּערלט אין זײַן שװײַגן
און באַפֿליגלט מײַן געמיט —
אױך דורך פֿאַלן — אױפֿצושטײַגן ?
— דו.

יאַנואַר, 1959

אונטער דײַנע הייסע בליקן

אונטער דײַנע הייסע בליקן,
אונטער דײַנע צאַרטע פינגער,
שמעלצט דאָס אײַז זיך פון מײַן ווינטער,
פליסט דאָס בלוט מײַנס הייסער, יִנגער.

די פאַראײַזטע פליגל מײַנע
הייבן לײַכטער זיך אין פליִען;
דאַכט זיך: אויף מײַן קאָפּ, דער גרויער,
וועט זיך ווידער בלאָנד צעבליִען...

גוט איז — גראָד אין מיטן ווינטער —
דײַנע הייסע בליקן פילן;
און דער ווײַן פון דײַנע ליפּן
זאָל דעם דאָרשט פון מײַנע שטילן.

ווי עס דאָרשטן מײַנע ליפּן!
ווי עס לעכצן מײַנע גלידער! —
נאָך אַ שלוק פון ליבע־בעכער,
און נאָך ווײַן פון עכטע לידער.

ווײַן פון לידער, ווײַן פון ליבע! —
כ׳בין פון ביידע בגילופין.
ביידע שפּילן אין דײַן קעלטער;
ביידע שרפען מײַנע בלוטן.

פּאָרצוויט

ס'האָט מײַן בענקשאַפט דיך געבאָרן;
ס'האָט מײַן ליבע דיך גענערט. —
איז פּאָרצוויט מײַן גאַנג געוואָרן,
מײַן אַליינגאַנג אויף דער ערד.

הילכט דײַן טריט פּאָרצוויט אין מײַנעם,
אויף די שליאַכן פון מײַן איך,
אויף די אויסגעטרוימטע פּליינען —
אויפגעאַקערטע אין זיך.

וויפל ברייטקייט אין פּאָרצוויטקייט!
וויפל לײַכטקייט אינעם טריט!
וויפל בלי אויך אין באַשנייטקייט,
אין פּאָרצוויטקייט פון געמיט!

ווייסט פּאָרצוויטקייט נישט פון ווײַטקייט. —
זי איז פול אין יעדער אָרט;
זי איז לײַב — נאָר נישט באַלײַבטקייט...
זי איז ניגון אינעם וואָרט.

בוענאָס-אײַרעס, 10.8.63

שפּעט־פרילינג

אין אַלע מײַנע בלוטגעפעסן
שטראָמט דער פרילינג אויף;
אַלע שטראָמען יאָגן רעשיק
צו דעם האַרץ אַרויף.

און זיי מאָנען און באַפעלן:
צעפרילינג זיך, צעבלי!
אויך דער טאָג באַנײַט זיך ווידער
יעדן אין דער פרי.

זאָגסט: דײַן פּנים איז מיט קנייטשן
און דײַן קאָפּ מיט שניי באַשיט? —
ווייס איך וואָס! — ס׳איז בלויז אַ מאַסקע
אויף דײַן נישט־געקנייטשט געמיט...

שניי איז ווײַסע ווינטער־בליִונג,
קנייטשן — קנאָספּן פון פאַרשטאַנד;
אָפּגעקילט איז דאָס געפעס בלויז,
נאָר דאָס בלוט אין דעם — אַ בראַנד.

קיל זענען די ספּעקטן־שויבן
איבער ווינטערדיקן בלי,
אָבער אונטער זיי איז פרילינג —
אויסגעצײַטיקט אין דער טיף...

אָקטאָבער, 1964

פון געמיט

מײַן געמיט —
אַן אויפגעמאַכטע פּיאַנאָ
מיט קלאַווישן
ווײַסע און שוואַרצע —
אויסגעבענקטע נאָך הייסן פינגער־באַריר
נאָך צאַרטע פינגער־קושן.

פאַר וועמען דאָס איז — שיר,
ליד,
פאַר מיר —
ברויט פאַר מײַן הארצן,
ערד פאַר די טריט,
אין זייער אומרויִקן שפּאַנען.

וואַרטן די קלאַווישן —
די שוואַרצע און ווײַסע —
וואַרטן
טויב־שטומע:
אויף פינגער צאַרטע,
הייסע,
פינגער פרומע,
ווי בײַם כוהן־גדול צו דער עבודה —
אַרויסצוכישופן זייערע סודות —
די נישט־דערציילטע מעשה.

מאַרץ, 1965

באַשיידענע פאַרלאַנגען

כ'האָב באַשיידענע פאַרלאַנגען
צו דער וועלט מיט זיך געבראַכט:
פאַר מײַן האַרצן — שטילע קלאַנגען,
פאַר מײַן קאָפּ — אַ שטיקל דאַך.

מעג אַ שטרוידאַך זײַן אַפילו;
און די ווענט — פון פּשוט ליים,
נאָר עס זאָל מײַן ליד, דאָס שטילע,
נישט פאַרשטערט זײַן אין מײַן היים.

ס'האַלט מײַן זון שוין בײַם אויסשײַנען;
נייגט זיך שוין אויף מערב אָפּ —
און מײַן ליד בענקט אַלץ נאָך שלימות,
נאָך אַ דאַך בענקט אַלץ מײַן קאָפּ.

שפּילט מײַן פידל אוים דאָס בענקען —
אויף דער לעצטער סטרונע שוין —
ווי אַ וואָגלער איבער שענקען,
אין געטומל פון המון.

היים־גלות

איך בין אַליין
אין מײַן היים;
איינער אַליין
צווישן פיר ווענט!

בלויז מײַנע אומרויִקע הענט
פיבערן מיט מיר,
מיט פּען אויף פּאַפּיר;
אויף שרײַבמאַשין־קלאַווישן —
פאַרן ביסן,
פאַרן טעגלעכן ברויט
און פאַר דער גילדענער צויט,
וואָס שלעפּט זיך נאָך נאָך מײַן ליד...

ווער איך מיד
פון אָפּריכטן היים־גלות —
פאַרשאַרץ איך די פּאָלעס
און לאָז זיך שפּאַנען.
וווהין? —
דער עיקר — פון דאַנען,
ווו איך בין:

פון אַליין —
צו מײַן,
צו נאָך.
פון וואָך —
צו אַ כזיתל שבת־געמיט;
צום כישוף פון ליד;
צום פענעצל הימלבלוי;
צו אַ פאַרבענקטן בליק פון אַ פרוי —
אין דעם מדבר פון האַס. —
צום אייביק־פאַרפירערישן מיראַזש...

באַשנייטע האָר

יאָ:
ערשטער שניי האָט שוין פאַרפּראָשעט דײַנע האָר.
איז נאָר —
אויף אונדז ביידע אַזאַ יאָר,
ווי ס׳פּאַסט דיר צום פּנים!

בלויז נאַראָנים
קענען נישט פאַרשטיין,
אַז שיין
איז די רײַפע, צעגאָלדיקטע זאַנג,
ווי די, וואָס איז צעגרינט.

אַז רײַפער גאַנג,
דער טראָט, וואָס איז באַזינט —
איז שענער אַפילו פון שענסטן טאַנץ.

דער בליק, וואָס צעגלאַנצט
מיט פלעמלעך פון שכל —
איז אַ היכל
פאַר געבעט,
וואָס מען באַטרעט
מיט אויסגעטועטע שיך...

גרוי איז — קערנדיקער איך,
אויסגעבריט אין צײַט-פײַער.
גרוי איז — פולער שײַער
מיט זאַנגען רײַפע.

באַשנייטע שלייפן —
זענען קנאָספּן פון געדאַנק.

אַ טאָן אין געזאַנג,
אַ סאָלאָ אין כאָר...

באַשנייטע האָר
איז — בלי פון ווילן.
איז טיפקייט פון פילן.

באַשנייטע האָר
איז — נישט קיין ליבע־שפּילן,
נאָר — ביין פון געביין —
די ליבע אַליין.

באַשנייטע האָר:
— אויף אונדז אַלע אַזאַ יאָר!...

שיין ווי די וועלט!

מײַן וועלט איז אַ שיינע —
שיין ווי די וועלט! —
איז פול מיט איר שיינקייט
מײַן אָרעם געצעלט.

בלוי איז מײַן הימל,
גרין איז מײַן ערד!
מײַן סטאַדע האָט קיין מאָל
דער וואָלף נישט פאַרצערט.

מײַן וועלט איז אַ גרויסע —
גרויס אָן אַן עק! —
זי פילט־אָן מײַן האַרץ
פון ברעג ביז צו ברעג.

זי פילט־אָן מיט קאָסמאָס
די ליפּט אין מײַן לונג;
דעם טעם אויף מײַן גומען;
דאָס וואָרט אויף מײַן צונג.

מײַן וועלט איז אַ שיינע —
שיין ווי די וועלט! —
איז פול מיט איר שיינקייט
מײַן אָרעם געצעלט.

מײַ, 1967

אַליין אין אַ שלאָפלאָזער נאַכט

כ׳בין אַליין אין מײַנע שלאָפלאָזע נעכט,
בלויז אויג־אויף־אויג מיט מײַנע טײַערע טויטע:
צוקאָפּנס פון בעט —
דאָס בילד פון מײַן ווײַסבערדיקן טאַטן — דעם בעל־חלומות.
פון מײַן מאַמעס פאַרזאָרגטן, צעאַקערטן פּנים —
ווי אַ שטיין־סקולפּטור פון מיגעל אַנדזשעלאָ.
און פון מײַנע פאַראַשטע שוועסטער און ברידער.

אין זייער אינטימער נאַכט־סביבה —
שווימט מײַן בליק איבער צעקנייטשטע צײַטונג־שורות.
טרינקט זיך אין זשורנאַליסטישן ווערטער־מבול —
און קען די שלאָפלאָזיקייט נישט דערטרינקען.

דערנאָך:
טובל איך מיך אין בלוילעכן פערזנשוים.
טוק מיך אונטער אינעם פּאָעזיע־ים —
אַרויסצופישן דאָס גילדענע פּאָעזיע־פישעלע.

ס׳פיבערן מײַנע פינגער איבער די האַרטע האַרץ־מאַזאָליעס —
מײַנע איינציקע קלאַווישן —
אַרויסצופיבערן פון זיי ווייכע קלאַנגען;
צונויפקלעפּן זיי אין ווערטער;
אויספלעכטן אַ פערזן־געפּעלעכץ —
אַ לייטער צו מײַן עולם־הבא...

***

אַזוי פלעגט מײַן האָרעפּאַשנע מאַמע,
פון די האַרטע, מאַזאָליעדיקע הענט,
צונויפקלעפּן אַ געקעכץ;
אויסשטיקעווען אַ שבת.

יוני, 1965

ווי גוט!

ווי גוט איז צו האָבן פאַר ווערמען
דײַן האַרץ זאָל אין בענקעניש קלעמען!

זאָל גליִען אין גלוסטיקע לײַדן;
דער שלאָף אין די נעכט זאָל דיך מײַדן.

עס זאָלן די נעכט דײַנע פוסטע —
איבערגעפּולט זײַן מיט גלוסטן.

דײַן בלוט זאָל אין בענקעניש שרפען;
די אָדערן — סטרונעס פון האַרפעס —

זאָלן פאַר ווערמען אויסשטומען
דעם עלטסטן און אייביקן הימען...

יולי, 1966

ווען?

ווען שלאָגט אויך מײַן שעה אין לעבן?
ווען קומט מײַן רגע געוּנוּם? —
דעם זומער — שוין לאַנג אויסגעגעבן,
עס שיקט שוין דער ווינטער זײַן גרוס.

ס׳פֿאַלט שוין דער שניי אַלץ געדיכטער
אויף מײַנע שיטערע האָר;
ס׳טונקלט אין אויג שוין די שקיעה,
איידער ס׳טאָגט־אויף מײַן כאור...

מײַן קינדהייט כ׳האָב באָרוועס צעטרעטן;
מײַן רײַפֿקייט — אין דינסט פֿון אַ געץ...
די נעסט, וואָס איך האָב געפֿלאָכטן —
געוועזן איז אַ דערנער־געפֿלעכץ.

איצט האָט דער ווינטער מײַן פֿענצטער
מיט פֿראָסטיקע רויזן באַצירט. —
ווען זשע שלאָגט מײַן שעה אין לעבן? —
די שעה — באַלד די לעצטע פֿאַר מיר.

יולי, 1966

דיאַלאָג מיטן האַרץ

רויִק, האַרץ מײַנס, שטיל זיך אײַן!
ס'רוט דער ים אויך נאָכן שטורעם. —
הערסט? — די צוועלפטע שעה בײַנאַכט
ציילט דער זייגער אויפן טורעם...

מידע הערצער רוען שוין.
פרומע הערצער טוען תפילה.
נאָך דער צוועלפטער שעה בײַנאַכט
רוען שדים שוין אַפילו.

נאָר אויף דיר קומט נישט קיין רו.
נאָר דו ציילסט נישט דײַנע שעהען. —
ביסט, מײַן האַרץ, אַ טויבן־נעסט,
וואָס האָט אויסגעוואַרעמט קראָען.

איז די רו פון דיר אַוועק
מיטן וואָרקען פון די טויבן. —
איצטער שוואַרצט זיך שוין די נאַכט
הינטער דײַנע פענצטער־שויבן.

דעצעמבער, 1966

בלויז די בענקשאַפט

ציַיט און שטח איז צערונען —
זינט מיר האָבן זיך געפונען.

אַ באַזיגטע איז די וויַיט —
זינט מיר האָבן זיך פאַרצווייט.

ס'קען אויך פונעם ים די ברייטקייט
נישט צעאיינסן די פאַרצווייטקייט.

און נישט אויסלעשן — צום גליק! —
דעם נר-תמיד אין דיַין בליק.

ציַיט און וויַיטן זענען דמיון.
דמיון — אויך די בלויע הימלען.

בלויז די בענקשאַפט — זי איז האַפט. —
זי איז אורקוואַל פון באַשאַף.

נאָוועמבער, 1967

פאַרנאַכט

קומען מעגסטו יעדער שעה:
אין דער פרי, אין מיטן טאָג. —
נאָר איך רוף צו דיר פאַרנאַכט,
ווען מײַן בענקשאַפט מאָנט און נאָגט.

ווען דער שאָטן פאַר מײַן טיר
ווערט אַלץ לענגער און פאַרטראַכט —
און ער שפּרייט זײַן טעפּעך אויס
אונטער דײַנע טריט פאַרנאַכט.

דעמאָלט רוף איך שטומערהייט:
קום צו גיין, איך וואַרט אויף דיר!
פאַר אַ סימן, הענגט מײַן האַרץ,
צוגעטשוועקלט צו דער טיר...

עפן שטילערהייט די טיר,
קום אַרײַן מיט ווייכע טריט;
זעץ זיך היימישלעך צום טיש —
צו מײַן ברויט מיט זאַלץ און ליד.

קום אַזוי, ווי דיר געפעלט:
מעג אויך זײַן אַן ציר, אַן שמוק. —
בלויז די ריינקייט פון דײַן האַרץ
זאָל זיך שפּיגלען אין דײַן בליק...

ספּטעמבער, 1967

ביסט געקומען און אַוועק

ביסט געקומען און אַוועק.
און עס גייען טעג־נאָך־טעג;
און דער קאָפּ ווערט גרויען, גרויער;
אין די אויגן — אָוונט־טרויער.

ביסט געוועזן און — שוין נישטאָ.
און עס טריפן שעה־נאָך־שעה;
און די רגעס לעשן זיך
אין מײַן מיקראָ־קאָסמאָס — איך.

איז אַוועק מיט דיר צוריק
דער נר־תּמיד אין דײַן בליק. —
האָט דאָס ליכט זיך אָפּגעטון
פון מײַן אויג — מײַן מיקראָ־זון...

פעברואַר, 1968

די טיר צו זיך...

כ׳בין אָפט מאָל אויך צווישן אַלע — אַליין;
ס׳נאָגט די אַליינקייט דעם מאַרך פון געביין;
ס׳קאָרטשעט אין מיר זיך דאָס האַרץ איַין פאַר וויי;
ס׳קרעמפן די ליפּן אין שטומען געשריי.

בײַם איך ביז בלוט זיך אַרײַן אין מײַן ליפּ. —
כ׳האָב דאָך אַמאָל שוין באַצאָלט מיט אַ ריפּ —
נישט צו פאַרבלײַבן אַליין, בלויז מיט זיך —
יאַטערט ביז הײַנט נאָך די וווּנד אין מײַן דיך...

בלײַב איך אויך צווישן אַלע — מיט מיר;
עפן איך דעמאָלט צו זיך אויף די טיר —
און כ׳שטייניק זיך אײַן אין זיך, אין מײַן וועלט —
אַ טשערעפּאַכע אין איר שטיין־געצעלט.

אויגוסט, 1968

טו אָן אויף דײַן האַרץ אַ קייט...

אויסגעבענקט שוין נאָך אַ טאָג. —
וויפל טעג נאָך, האַרץ מײַנס, זאָג
איז אין גאַנצן דיר באַשערט
אויסצובענקען אויף דער ערד?

נאָך אַ טאָג און נאָך אַ נאַכט —
חוזקט־אָפּ אַ ליץ און לאַכט:
אַלטער טרוימער, אַלטער נאַר,
אין אַ שטײַג דײַן האַרץ פֿאַרשפּאַר.

טו־אָן אויף דײַן האַרץ אַ קייט —
זאָל עס וואָרטשען שטומערהייט;
זאָל עס מיט די פֿוילע ציין
שטשירען, גריזשען זיך אַליין.

און אויף דער לבנה־שײַן —
זאָל עס אויסוואָיען דעם פּײַן.

יולי, 1966

אַליין אויף רוישיקע גאַסן

— וועט עס זײַן און מיט וועמען?
ווען ס'וועט מיך די גאַס נישט פאַרשעמען.

די טריט — צו פּאַרויסגאַנג געשאַנקען —
זאָלן אויף גאַסן נישט בלאָנקען.

זיי זאָלן נישט אומוואָגלען מידע
אויף רוישיקע מענגע־יאַרידן. —

און שפּעטער אַליין די בהלות
פאַרשעלטן מיט גראַמיקע קללות.

— וועט עס זײַן און מיט וועמען?
עס בײַטן זיך רעשיק די נעמען. —

דאָך קלינגט נישט קיין נאָמען ווי דײַנער.
קיין האַרץ איז פון דײַנעם נישט ריינער.

קיין בליק איז פון דײַנעם נישט טיפער. —
נאָר ס'שיקלט מײַן טאָג שוין אַלץ שיפער

צו מערב, מיט אויגן, מיט טריבע —
און זעצט זיך נאָך זיך אַליין שבעה.

יאַנואַר, 1969

דאָס קישן פּרירט...

אין צווייען זענען מיר מער פון צוויי.
— אַליין בין איך ווינציקער פון איינס.
איז מײַן בעט איצט ליידיקער ווי געווען,
ס'קישן אונטער מײַן קאָפּ — אַ פּאַרוויינטס.

זוכט מײַן בעט דיך אַרום אין דער נאַכט —
פּאַרבענקט צו הערן זײַן אייגענעם סקרוך...
ס'קישן פרירט אָן דײַן באַזינטן קאָפּ.
אויפן טישל וויינט דאָס פּאַרמאַכטע בוך.

אויך מײַנע פיר ווענט — ציגל און ליים —
— שרומפּן-אײַן אָנעם טוי פון דײַן בליק.
אין צווייען זענען מיר מער פון צוויי,
אַליין — כאָטש שטרעק דעם האַלדז אויפן שטריק.

מאַרץ, 1969

ס׳איז מעגלעך...

ס׳איז מעגלעך: דו וועסט ביי מיין בעט דאַן נישט זיין;
נישט דו וועסט מיין שלאָף, דעם לעצטן באַוואַכן;
נישט דו וועסט די אויגן מיינע צומאַכן,
ווען ס׳וועט זיך אין זיי אויסלעשן די שיין.

ס׳איז מעגלעך: ווען ס׳וועט שוין מיין בלוט זיין פאַרקילט;
ווען כ׳וועל צו מיין לעצטער היים שוין דערפאָרן,
זאָלן אין אָבל-צוג — שטום נאָך מיין אָרון —
פעלן בלויז דיינע פאַראָבלטע טריט.

נאָר ווו דו זאָלסט דעמאָלט, אין דער שעה, נישט זיין —
וועסטו דיין האַרץ דאָרט צערייסן אין קריעה;
די נאַכט מיינע זיין וועט פאַר דיר דיין שקיעה;
מיין ליד — אונדזער קידוש און הבדלה-וויין.

יוני, 1969

איך פאַרזינג מײַן געוויין

װיפל בענקשאַפטן צעפּטרט!
װיפל פֿאַרלוירענע טריט
אויף די שטיין־טראָטואַרן!

װען מײַן האַרץ — אַן אָפּגעפּלאַטערטס —
לאָזט־אַראָפּ די פֿליגל, מיד
פֿון זיך אַליין צו גענאַרן:

קער איך זיך אום צו מײַן טיר,
צו די קאַלטע, שטומע װענט
פֿון מײַן אויסגעליידיקט הויז.

מיטן בלײַער אויף פּאַפּיר,
אין די ציטערנדיקע הענט,
קריץ איך קורצע שורות אויס.

שלאָג איך טענער אוים פֿון שטיין —
צו פֿאַרזינגען מײַן געוויין...

יוני, 1970

איך - מיר

ווּ איך זאָל נישט זײַן —
בין איך נישט אָן דיר:
כ׳אָטעם דיך אַרײַן
טיף אין זיך, אין מיר.

דאָרטן, ווּ איך גיי —
דאָרט איז אויך דײַן גאַנג:
אויך דורך ווינד־און־וויי —
גייט זיך מיט געזאַנג.

פינגער — אין געפלעכט,
בליקן — טיפער סוד.
און דערבײַ, פון רעכטס —
גייט מיט אונדז מיט גאָט...

יולי, 1971

סטרונע און קלאַנג

עס ריזלט היים מײַן בלוט אין לײַב
און זינגט אַ ליד צו דיר.
און דאָך: ניט בלויז צו דיר — דעם ווײַב —
גייט־אויף מײַן ליד אין מיר:

ווען דו וואָלטסט בלויז געווען ווײַב,
בלויז ווײַבער־לײַב, נישט מער,
וואָלט בלויז מײַן הונגער־שטים פון לײַב
צעברומט זיך מיט באַגער...

נאָר דו ביסט פידל און דאָס ליד,
די סטרונע און דער קלאַנג —
זינגט־אויף דײַן שטים אין מײַן געמיט,
ווייברירט אין מײַן געזאַנג.

צו אַראָפּגעלאָזטע אויגן

לאָז רוען אַ מידן וואַנדערער אין שאָטן
פון דײַנע אַראָפּגעלאָזטע תּפילה־אויגן.
איך וועל דאָ אויף מײַן אַלטן פידל, אָן נאָטן,
כאָטש נאָך איין מאָל הײַנט אַ פּיר־טאָן מיטן בויגן.

עס ציטערט פון אומרו אין מײַן האַנט דער בויגן.
מיט טענער איז איבערגעלאָדן מײַן פידל. —
לאָז אין שאָטן פון דײַנע טיפע קוואַלן־אויגן
אויסשפּילן זײַן ליד, דעם וואַנדערער, דעם מידן.

כאָטש איבערגעפולט איז מײַן פידל מיט לידער —
וואַרט נאָך אַלץ דאָס ליד מײַנס געבוירן צו ווערן;
טונק איך איצט די פּען אין מאַרך פון מײַנע גלידער
און טו תּפילה צו מײַן פאַרלוירענעם שטערן:

זאָל דאָ — אין דײַן זכות — דער שטערן מיך באַגליקן;
זאָל אויך די שײַן פון דײַן שטערן אויף מיר פאַלן:
מײַן ליד זאָל זיך פון זײַן האַרטער שאָל אויספּיקן —
און דורך אַלע מײַנע גלידער זיך צעשאַלן.

מײַ, 1970

איין וואָך אָן דיר

וואָס זשע ווידער אַזאַ בענקען,
וואָס איך בענק אַזוי צו דיר? —
ס'וויל די נאַכט קיין שלאָף נישט שענקען,
ס'ווײַכט דער טאָג די רו פון מיר.

וויג איך אײַן דאָס בענקען ווידער,
ווי אַמאָל — נישט־הײַנט־געדאַכט —
מיט מײַן אַלטער שפּיל — אין לידער,
אינעם וויגל פון דער נאַכט:

די נאָך־נישט־געלעבטע לידער —
וועק איך צו דעם לעבן אויף,
צילע אויף די פּערזן־גלידער
אויף אַ ניגון־דרים אַרויף.

און די אַלט־פאַרשטויבטע סטראָפן
שאָקלען־אָפּ פון זיך דעם שטויב. —
אין דער לאַנגער נאַכט, אָן שלאָפן,
קלאַפּן זיי צו מיר אין שויב.

כ'קוק אויך אין די יוסטע ביכער,
בלעטער־איבער זײַט נאָך זײַט. —
כ'וויל מיט זייער הילף, וואָס גיכער,
איבערבלעטערן די צײַט.

נאָר פון אַלע ביכער־בלעטער —
אויך די קליגסטע, וואָס איך מיש —
בלײַבט אַליין קאַלט דײַן חלק בעט מיר,
אָפּגעקילט דײַן שטול בײַם טיש.

אָקטאָבער, 1971

דאָ!

דאָ בלײַבט אונדזער שיפֿל פֿאַראַנקערט!
דאָ: בײַ דעם ברעג פֿון די טעג.
מײַן שוועל — אונדזער האַפֿן אין וואַנדער —
נאָך צו לאַנגן וואָגלען אין וועג.

מײַן טיר אונדזער היים די באַשערטע.
דאָס ליד — אונדזער ברויט. אונדזער האַפֿט.
און בענטשן עס וועט אונדז — אָן ווערטער —
די ליבע: דער זין פֿון באַשאַף.

דאָ בלײַבט אונדזער שיפֿל פֿאַראַנקערט!
דאָ ליגן מיר אָפּ דאָס געפּעק! —
איידער דער טאָג נעמט אויסצאַנקען. —
איידער די נאַכט קומט צום ברעג...

פֿעברואַר, 1971

אָפּגענופּלט

מיר האָבן זיך אָפּגענופּלט איינער פון אַנדערן.
מיט די אייגענע ציין דעם נופל איבערגעביסן.
כ׳האָב דערפילט דאָס געוויין פון צעריסן לײַב.

פאַר מײַן בליק האָט אַ פלאַטער געטאָן דײַן האַנטפּאַך פון אוויאָן־טרעפּל.
מײַן האַנטפּאַך האָט צו דײַן בליק נישט דערפלאַטערט. —
ער איז פאַרשוווּמען געוואָרן אין ים צעפלאַטערטע הענט.

באַלד האָט זיך דײַן אוויאָן גענומען אָפּרײַסן פון דער ערד.
אויך אים איז שווער אָנגעקומען דאָס צעשיידן. —
אונדזער געמיט האָט זײַן וואָג באַשווערט . . .

און ווען דער אוויאָן האָט די וואָלקנס געשפּאָלטן,
האָט ער — אין זײַן בלוי־געוועלבטן קרײַזן —
ברייטע פאַרמעט־יריעות צעוויקלט.

און אויף זיי: די הייליקע בלויע קאָסמאָס־יריעות —
אונדזער ליבע־מגילה אויפגעשריבן.
איך האָב, מיט אַ פאַררִיסענעם קאָפּ, זי געלייענט.

אויגוסט 1972

גליק!

רוט דײַן בליק אויף מיר — ווי גוט:
איז אויך מײַן געמיט באַרוט.

שוימט דײַן בלוט אין דיר — ווי גוט:
שוימט אין דײַנעם אויך מײַן בלוט.

פיל איך דײַן באַריר פון לײַב:
בענטש איך דעם באַשאַף פון ווײַב. —

פון ווײַב־מאַמע, אין איין שוים,
וואָס צעשפּאַרט מיט גליק מײַן הויז.

2טער יוני, 1972

זיי-דע

(פון מײַן קינדערוועלט)

זיי־דע!

מײַן אײַניקל זאָגט שוין: זיי־דע!
זיי־דע! — און נישט מער. —
וואָס זשע האָט אין זיידנס אויגן
זיך צעגלאַנצט אַ טרער?

זיי־דע! — זאָגט מײַן אייניקל.
זיי־דע! — זילבן צוויי.
און לאַכט מיט אַלע ציינדעלעך,
ווײַסע — ערשטער שניי.

זיי־דע! — זינגט מײַן אייניקל.
זיי־דע! — קלאַנג נאָך קלאַנג.
זיי־דע! — צוויי געציילטע קלאַנגען
און — אַ גרויס געזאַנג...

יאַנואַר 1970

וווּנדערשפּראַך

כ׳האָב אַ ברודערל אַ קליינס,
איז ער שיין — ווי ער אַליין.
און זײַן לשון — שיין ווי ער,
נאָר אַ ביסעלע צו שווער...

גו־גו־גו און גאַ־גאַ־גאַ. —
ס׳איז אַ געננדזועלע אַזאַ —
זאָגט די מאַמע און זי לאַכט. —
רעדט עס אויף אַ גענדזלשפּראַך.

זאָגט דער טאַטע: וויים איך דאָרט!
און ער שווערט זיך אויפן וואָרט,
ער האָט אויכעט, אַקוראַט,
אַזאַ גענדזלשפּראַך געהאַט.

הערט דער זיידע און ער קוועלט:
זינט די וועלט — זאָגט ער — איז וועלט,
און די זון אין הימל לאַכט —
ריידן קינדער וווּנדערשפּראַך...

וואָס באַדאַרפט איר — זאָגט ער — מער? —
אויכעט איך אַליין, איר הערט?
איך אַליין, מיט ווײַסע האָר —
האָב צוריק מיט זעכציק יאָר,

שוין מיט זעכציק יאָר צוריק,
אין מײַן ענגגנדיקער וויג,
אָן אַ גלעט און אויך אָן זעט —
אויף דער זעלבער שפּראַך גערעדט...

יוני 1968

און דערציילן מעשׂיות שיינע...

ס׳איז דער זומער שוין אַוועק,
קומט דער האַרבסט מיט זײַן געפּעק,
מיט זײַן גאָלדענעם פֿאַרמעגן. —
שפּרייט ער גאָלד אויף אַלע וועגן.

רעגנס קילע פֿולע זעק —
גיסט ער אויף די הייסע טעג;
צוואָגן זיך די טעג אין רעגן,
טובלען, וואַשן זיך די וועגן.

רופֿן וועגן, לאַדן אײַן:
— קינדער, העי, אין שול אַרײַן!
הערן קינדער צו מיט חידוש,
ווי די וועגן ריידן ייִדיש...

ייִדיש האָבן זיך צערעדט
אין דער שאַפֿע בוך און העפֿט.
און דער בלײַער — זעט נאָר, הערט נאָר —
שרײַבט אויף ייִדיש זאַצן, ווערטער.

נאָר וואָס ווייסט אַ בלײַער-פֿריץ
מיט זײַן נײַ-פֿאַרשניצטן שפּיץ? —
שרײַבט ער אין דעם העפֿט דעם נײַעם —
אַנשטאָט גימל — גאָר אַ זיין.

קוקט פֿון וואַנט אַראָפּ אַ בילד,
אַ צעשמייכלט בילד, אַ מילדס —
און עס הייבט אויך אָן צו ריידן,
מילדע שטראָף-רייד פֿון אַ זיידן:

עך, דו בלײַערל, דו שנעק!
הרגעסט דאָך אָן אות אָװעק.
שפּריצט אַ צװײט בילד מיט געלעכטער:
נו, עס װאַקסט אַ תנא, אַן עכטער!

פֿון תּנאים — אַן אַנטיק! —
שיט מיט פֿונקען נאָך אַ בליק,
פֿון דער װאַנט אין קלאַס אַרונטער.
זעט אַ בליק! נאָר פֿלאַמען צינדט ער...

שײַנען־אױף אין קלאַס די װענט. —
און די בילדער פֿאַר די הענט,
נעמען זיך, װי קינדער קלײנע —
און דערצײלן מעשׂיות שײנע...

אָקטאָבער 1948

ווער איז בעסער?

איך האָב זיידעס — זעט נאָר זיידעס!
אָנצוקוקן זיי אַ פרייד איז,
ווען מען טרעפט זיי גיין אין איינעם:
איינער — גרויס, דער צווייטער — קליין איז.
כ׳מיין בלויז — קלענער, נישט קיין קליינער
איז דער צווייטער זיידע מײַנער.

פונקט זײַן מאָס, נישט קליין, נישט גרעסער.
אָבער ווער פון זיי ס׳איז בעסער —
ווייס איך גאָר נישט וואָס צו זאָגן:
ביידע ברענגען מיר צו טראָגן
פולע קעשענעס מתנות;
ביידע טרײַבן זיי לצנות.

אויך דערציילן מעשיות שיינע,
קענען ביידע זיידעס מײַנע.
זײַנען ביידע גרויסע קענער.
ווייס איך ווער פון זיי ס׳איז קלענער;
ווער ס׳איז קלענער, ווער ס׳איז גרעסער.
אָבער ווער פון זיי איז בעסער?

דער צי יענער? דער צי יענער?
דער וואָס גרעסער? דער וואָס קלענער? —
יאָ, איך ווייס שוין! יאָ, איך האָב עס! —
בעסער זײַנען גאָר די באָבעס.
און פון אַלע זיי צוזאַמען
איז די בעסטע — נאָר מײַן מאַמע!

אויגוסט 1966

מײַן זיידנס מעשיות

כ'האָב אַ זיידן, קיין עין־הרע —
נאָר אויף לאַנגע־לאַנגע יאָרן! —
גרויס — פון אַלע זיידעס גרעסער!
גוט — פון אַלע זיידעס בעסער!

צו דערציילן מעשיות שיינע —
איז נישטאָ צו אים נאָך איינער
אויף דער גאַנצער וועלט און ווײַטער. —
אַלצדינג ווייסט ער, אַלץ באַשיידט ער.

ווילט איר ווּיסן וועגן רעגן?
דאַרפט איר נאָר מײַן זיידן פרעגן,
וועט איר הערן קורץ און גלאַטיק:
ווען דער הימל כאַפּט אַ קאַטער,
הייבט ער אָן צו הוסטן, ניסן,
און עס נעמען רינען, פליסן
פון די בלויע אויגן זײַנע
טראָפּנס טרערן — פּערל ריינע! —
פאַלן אויף דער ערד די טרערן —
אַט אַזוי־אַ רעגנס ווערן.

ווייס איך שוין ווי ס'ווערט אַ רעגן.
נעם איך איצט בײַם זיידן פרעגן:
ווער מאַכט דונערן און בליצן?
זאָגט דער זיידע: ווען די היצן
קומען־אָן צו גאַסט שפּאַצירן,
פּראַלט דער הימל אויף די טירן,
נעמט די פענצטער גלײַך אויפמאַכן —
אַזש עס נעמען דונערס קראַכן!

און דורך אַלע הימל־שויבן
פליִען פֿײַערדיקע טויבן.

וויל איך אויך פֿון זיידן הערן:
ווער צינדט־אָן בײַ נאַכט די שטערן?
און אין הימל די לבֿנה,
ווער פֿאַרלעשט זי און צינדט אָנעט?

שמייכלט דורך די ברילן דער זיידע:
נאָר אַ יאָר אַזאַ אויף ביידע,
ווי דו קענסט עס פֿרעגן שאלות!
אָבער איצטער וואַרט אַ ווײַלע!
ס'איז דער טאָג שוין הײַנט פֿאַריבער;
גיי מײַן קינד און שלאָף זיך איבער
מיט אַ זיסן שלאָף, געשמאַקן;
מאָרגן וועט די זון אויסבאַקן
אויף איר אייביק הימליש פֿײַער —
נאָך אַ טאָג — אַ שפּאָגל־נײַער!

אַפּריל 1965

וועגן גאָרנישט...

כ'האָב אַ זיידן, נו, אַ זיידן!
אַלצדינג קען ער מיר באַשיידן.
פרעג איך אים: ווי מאַכט מען בייגל?
ענטפערט זיידע: פון אַ טייגל.
נאָר דער עיקר, נאָר דער תוך
פונעם בייגל — איז דער לאָך.

קוק איך אויף מײַן קלוגן זיידן
און איך בעט אים צו באַשיידן,
ווי מען מאַכט דעם לאָך צום בייגל?
פינטלט זיידע מיט אַן אייגל:
אָט דעם לאָך, דעם רונדן גאָרנישט? —
וואַרט אַ ווײַלע, קינד מײַנס, פאַר נישט!

אָט דעם גאַנצן יש־מאין —
וועסטו, קינד, נאָך נישט צעקײַען,
ביז דו וועסט נישט — קונדס קליינער —
וואַקסן גרויס, מיט שטאַרקע ציינער...

מײַ 1950

זעליג־וואָלף און פֿײַוועלע

זעליג-וואָלף און פֿײַוועלע —
ברידערלעך — צוויי טײַבעלעך:
איינס אַ גרעסערס, איינס אַ קלענערס,
איינס אַ שיינס און איינס — אַ שענערס.

יעדערער מיט זײַנע מעלות:
פֿײַוועלע האָט אויגן תכלת.

אַלץ הייסט תכלית! אַלץ הייסט אויגן! —
בלויער ווי דער הימלבויגן.

זעליג-וואָלף האָט אויגן ברוינע —
איז נישטאָ גאָר נאָך אַזוינע!
נאָך אַזעלכע צוויי אויגאַפּעם —
איז אין ערגעץ נישט פאַראַנען.

יעדער איז אין זיך געראָטן:
זעליג-וואָלף — אַ דאָן קיכאָטל —
הויך און דאַר, נאָר אָן אַ פּאַנצער;
פּיַיוועלע — אַ סאַנטשאָ פּאַנסאַ:

קליין און דיק, קיין עין-הרע,
בלויז אַן אייזעלע מיט שפּאָרן
פעלן אים דערוויַיל צו רײַטן —
דאָן קיכאָטן צו באַגלייטן.

און ביז יענע גוטע יאָרן —
ביז דעם אייזעלע מיט שפּאָרן,
ביז די שיינע זאַכןביידע —
רײַט ער אויפן קאַרק פון זיידן.

ס'איז דער זיידע, גאָר נישקשה
פון אַן אייזל, נאָר מיט לשון. —
אָבער ווער קען מיר אָנווײַזן,
כאָטש אין זיידן — נישט קיין אייזל?...

סעפּטעמבער 1968

ווײַל אַ באָבע איז אַזוי

דאָס ליד איז פֿילמירט געוואָרן אין דעם פֿילם „מיר קומען אָן״ פֿון דער „מעדעם״-סאַנאַטאָריע אין פּוילן, פֿאַר דער צווייטער וועלט-מלחמה.

די באָבע קרעכצט. — ווען קרעכצט זי נישט?
הײַנט — ווײַל ס׳טוט איר ווי דער קרײַזש.

נעכטן האָט זי געקרעכצט פֿאַר דאָס,
ווײַל איך האָב מיר צעקלאַפּט די נאָז.

פֿעלט איר הײַנט אַ ביסל זאָרגן —
באָרגט זי אויס אַ קרעכץ פֿאַר מאָרגן...

מײַנסטנס קרעכצט זי איבער מיר:
אוי, ווי האַלט מען אויס פֿון דיר!

ס׳איז נישט קיין קינד, נאָר אַ שד
און גאַנץ פֿרי, איך ליג אין בעט —

קושט זי מיך, גלעט זי מיך
און גיט אַ קרעכצל, שטיל אין זיך...

קום איך פֿון דער שול צו גיין,
איז: מיר זאָל זײַן פֿאַר דײַן געביין!

ווײל איך מיך צעזינגען הויך,
קרעכצט זי ווידער: שפּאַלטסט דעם מוח!

וויין איך, איז אוודאי — אוי!
דער תכשיט מאַכט מיך אַלט און גרוי!

קרעכצט די באָבע ביַי יעדער זאַך:
פאַר וואָס איך וויין, פאַר וואָס איך לאַך.

פאַר וואָס איך טאַנץ, פאַר וואָס איך לויף;
פאַר וואָס איך שטיי גאַנץ פרי נישט אויף.

און גלאַט אַ קרעכצל: וויי און אוי! —
וויַיל אַ באָבע איז אַזוי...

אַ נײַע באָבע־מעשה

אין די אַלטע קינדער־מעשיות
זענען באָבעס אַלטע, װײַסע,
מיט שפּאַקולן אויף די אויגן
און זיי גייען אײַנגעבויגן.

און מײַן באָבע (נישט אין מעשה) —
איז נישט אַלט און נישט קיין װײַסע,
נאָר אַ בלאָנדע און אַ פולע,
און זי טראָגט נישט קיין שפּאַקולן.

בלויז צום שרײַבן און צום לייענען
אין די אותיות די קליינע —
און אויף ייִדיש — ווי אַ באָבע...
דאַרף זי דעמאָלטברילן האָבן.

אין די אַלטע מעשה־ביכלעך
טראָגן אַלע באָבעס טיכלעך,
אויסגעבונדן אויף אַרונטער,
און זיי קרעכצן אַלע אונטער.

און מײַן באָבע טראָגט גאָר לאָקן,
לאָקן — העלע קופּער־גלאָקן.
אויפֿן שטערן — אויך אַ לעקל,
ווי מען װאָלט עס צוגעטשוועקלט...

גייט מײַן באָבע נישט געבויגן,
אָן שפּאַקולן אויף די אויגן.
אָן אַ שטעקן, אָן אַ טיכל. —
גאָר נישט ווי אין מעשה־ביכל...

דעצעמבער 1958

קלוגע ביכער

קלוג זײַנען ביכער,
זיי וויסן אַ סך. —
לערנט אײַך, קינדער,
פון ביכער די שפּראַך.

מוזיק — מיכל געלבאַרט



ווערט מיט די ביכער —
מיט קלוגע — באַקאַנט;
גיט נאָר די בלעטלעך
אַ מיש מיט דער האַנט.

מישט־אויף אַ בלעטל,
אַ זײַט נאָך אַ זײַט:
הערט ווי זיי ריידן
מיט מענטשלעכע רייד.

זעט, ווי עס פינקלען
געדאַנקען פון דאָרט.
און ס׳קלינגט אַזוי היימיש
דאָס ייִדישע וואָרט...

פאָרט אַ באַן

פאָרט אַ באַן, אַ לאַנגע באַן,
פול מיט פּאַסאַזשירן,
ווייסט שוין גוט דער מאַטאָרמאַן,
וווּ די באַן צו פירן.

נאָר פאָרויס, נאָר פאָרויס! —
קלימפּערן די רעדער,
אָט־אָ איז אַ ווײַסינק הויז
צווישן גרינע סעדער.

אָט־אָ איז אַ הויכער באַרג
פלוצלינג אויסגעוואַקסן,
וואָלקנס טראָגט ער אויף זײַן קאַרק,
שניי אויף זײַנע אַקסל.

און צו פוסנס אויסגעשפּרייט
שטראָמט אַ טײַך אַקעגן,
שוימט און שוימט פאַר לויטער פרייד
איבער זײַנע ברעגן.

אָט אַ איז אַ סטאַדע שאָף,
שוואַרצע שאָף און ווײַסע. —
ס'איז אַ מעשה אָן אַ סוף,
ס'איז אַ כּישוף־מעשה...

טעקסט: ל. וואַסערמאַן

פֿאָרט אַ באַן



יונגע בויערס

מיר זענען יונגע בויערס —
בויען מיר אַ הויז:
איינער ברענגט דאָס ליים,
אַ צווייטער קנעט עס אויס.



אַ דריטער לייגט די ציגל —
וואַקסן הויך די ווענט. —
איז אַ פרייד צו קוקן,
ווי די אַרבעט ברענט!

אַ פרייד איז יעדער ציגל,
יעדער נײַער שטיין,
יעדער טראָפּן שווייס
פאַר אונדזער נײַער היים!

*
**

מיר זענען יונגע בויערס —
איז בויען אונדז באַשערט:
אַ נײַע, פרײַע היים —
אויף אונדזער אַלטער ערד!...

קינדערלאַנד־ווּנדערלאַנד

צו דער דערעפענונג פון דער קינדער־וואַקאַציע־קאָלאָניע „קינדערלאַנד" ביי דער „צווישאָ".

קינדערלאַנד — ווּנדערלאַנד!
גרינע בײמן, גאָלדיק זאַמד,
בלומענדופט און פייגלטריל —
לאַנד פון לערנען און פון שפּיל.

קינדערלאַנד — אונדזער לאַנד:
לויב דער שאַפנדיקער האַנט!
לויב דעם האַרץ, וווּ ליבע העלט
צו דעם קינד — דער מאָרגנוועלט.

קינדערלאַנד — קינדערליד!
יעדעם קינד — אַ פרילינגצוויט
אין צעבליטער בלומענבייט.
קינדערלאַנד — אונדזער פרייד!

קינדערלאַנד — ווּנדערהאַנט,
וואָס מאַכט בליִען מדבר־זאַמד;
וואָס שלאָגט וואַסער אויס פון שטיין —
פאַר דעם קינד — פאַר אונדזער זיין!...

ימים־טובים

ראָש־השנה און יום־כּיפּור,
סוכּות קומט נאָך זיי.
אַ גוט יום־טוב געסט אײַך ליבע —
ימים־טובים דרײַ!

ראָש־השנה — אונדזער נײַ־יאָר.
און יום־כּיפּור וועט
אונדז דאָס נײַע יאָר באַגליקן:
מיט געזונט און זעט.

און דער ליבער יום־טוב סוכּות —
זײַט מיט אים באַקענט:
גרינע צווײַגעלעך זײַן דעכל,
טעפּעכער די ווענט.

הײַנט דאָס זיצן אין דער סוכּה,
קוקט אײַך צו, ווי שיין!
שטערן ווינקען דורכן דעכל,
יעדער נאַכט אַרײַן.

און די זון — אַ יום־טובדיקע —
קומט בײַ טאָג און לאַכט.
לאַכט־אַרײַן דורך יעדער שפּאַרע,
דורכן גרינעם סכך.

ס׳טרעפט זיך אויך — ווי ס׳טרעפט זיך סוכּות:
ס׳פאַלט אַ רעגן גאָר —
ברענגט דער רעגן מזל־ברכה
אויפן גאַנצן יאָר.



אַ ראש-השנה מתנה

ראש-השנה, ראש-השנה! —
ברענג אונדז, ליבער, אַ מתנה:
שלום על ישראל!
שלום מיט ישמעאל!

ראש-השנה, ראש-השנה! —
ברענג אַ יאָר אונדז, אָן סכנה:
אויף די הייכן פון גולן,
בײַ דעם דורכגוס פון טיראַן.

אויף די זאַמדן פון סיני,
זאָל אַ לאַנגע קעמל-ריי —
בײַ דער זײַט פון אײַזנבאַן —
שפּאַנען אין אַ קאַראַוואַן.

און פון פעלד אין שטאָט אַרײַן —
פירן ברויט צו זעט און ווײַן.
פון דער שטאָט — צוריק אין פעלד:
פריד צו איטלעכן געצעלט.

צו ישראלס שטאָלצע זין, —
צום פעלאַך און בעדווין,
ברענגען זאָלסטו ראש-השנה:
שלום, שלום! — אַ מתנה.

אָקטאָבער 1970

אַ גוטן ראש־השנה!

אַ גוטן ראש־השנה!
אַ גוט נײַ־יאָר אײַך! —
קינדער פון דעם פּלאַטאָ —
ביז דעם ירדן־טײַך.

ביז די סאַמע װײַטסטע
לענדער און פון שטעט;
זאָל דאָס יאָר אײַך, קינדער,
ברענגען גליק און זעט!

זעט — פאַר די הונגעריקע
שטיבעלעך פון ליים;
היימען — פאַר די עלנטע
קינדער אָן אַ היים.

און פאַר די אין בוענקערס —
אין שטאָט, צי אין קיבוץ —
זאָל דאָס יאָר שוין ברענגען
שלום אײַך און שוץ!

און די, װעמעס היימען,
ס'האָט דער פײַנט צעשטערט. —
אַ גוט נײַ־יאָר, קינדער,
אויף דער גאַנצער ערד!

יולי 1969

אונדזער אַלטע סוכּה

די ווענטלעך פון ברעטלעך,
דאָס דעכל פון סכך. —
פון דעם האָט מײַן זיידע
אַ סוכּה געמאַכט.

פלעגט שפּעטער מײַן באָבע,
מיט ציטריקע הענט,
מיט טעפּעכער שיינע
באַהענגען די ווענט.

און איך האָב געהאָלפן —
כ׳געדענק עס נאָך פריש —
מײַן גוטינקן זיידן —
מיטעסן בײַם טיש.

נאָר כ׳האָב זיך געשראָקן —
געווען נאָך אַ קינד...
וועט נישט אונדזער סוכּה
צעוואָרפן דער ווינט?

די ווענטעלעך דינע,
אַ שפּאַלט אויף אַ שפּאַלט,
אַ בלאָז פון אַ ווינטל
און— אַלצדינג צעפאַלט.

האָב איך דעם זיידן
דערציילט, וואָס איך קלער,
און ס׳האָבן זיך זײַנע
אויגן פאַרטרערט.

און ס'האָט זיך נאָך מערער
זײַן שטערן פֿאַרקנייטשט: —
עס שטייט שוין די סוכּה,
מײַן קינד, ווי מען ווייסט —

פֿאַלן די ווערטער
אַרײַן אין זײַן באָרד —
אויף האַרבסטיקע ווינטן,
באַלד פֿיר טויזנט יאָר...

אויגוסט 1969

דער גרינער יום־טוב

יעדער יום־טוב איז אַ שיינער,
נאָר שבועות — איז דער שענסטער:
גרינע צווײַגלעך פון די ביימער
בליִען אויף די ווענט און פענצטער.

פאַר די פענצטער, אויסגעשפרייטע,
רויזן פעלדער, גאָלדיק־גרינע;
זאַנגען זינגען און דערפרייטע
זשומען אין אַ כאָר די בינען.

און דער הימל בלוי און בלויער!
די זון — אַ גילדענע מנורה
אויפן בלויען הימל־טויער, —
שײַנט לכבוד מתן־תורה.

יעדער יום־טוב איז אַ שיינער
און שבועות — מער פון אַלע:
נישט קיין פאַסטן, נישט קיין וויינען
און — מיט ראָזשינקעס די חלה.

קעזקיכל און בלינצעס. — מילכיקס
עסטו און דו לויבסט דעם בורא;
זינגסט אַקדמות און דו פרייסט זיך
מיטן יום־טוב פון דער תורה...

יוני 1970

אַזוי וועט מיט אַלע המנס געשעןָ!

לאַנג שוין, מײַן קינד, ווי די מעשה איז געשען:
אין אַ ווײַטן לאַנד איז אַ קעניג געווען.

אַ קעניג, ווי ס'טרעפט זיך גאַנץ אָפּט אין אַ לאַנד,
אַ טיפּוש — עס זאָל אונדז נישט זײַן צו קיין שאַנד!

שכל בײַם קעניג — אַ ברעקל, אַ קריש!
נאָר גרויס איז זײַן קרוין, אַזש פון הודו ביז כוש...

געווען אַ מיניסטער בײַם קעניג, דעם נאַר —
אַ כלב — כאַטש נעם אויף אַ קייט אים פאַרשפּאַר.

אַ רשע, אַ המן! — דער גרעסטער אין קאַנט —
היטלערס אַ זיידע פון פּערסישן לאַנד.

דערצו איז בײַ המן, דעם רשע, געווען —
אין טאַטן געראַטענע זינדעלעך צען.

המנס, בני־המן — אַ שרעק, אַ געפאַר!
דער יִינגסטער פון זיי — אַ ויזתא, אַ נאַר.

האָט המן — זײַן נאָמען פאַרשאָלטן זאָל זײַן! —
געטראַכט ווי די יִידן נאָר אָנצוטאָן פּײַן.

די יִידן ביז איינעם אומברענגען געקלערט —
האָט המן, דער רשע. — געשען איז פאַרקערט.

דעם דרײַצענטן אָדר דער נס איז געשען:
אין לאַנד איז אַ יִידישער חכם געווען.

אַ זקן, מיט יאָרן און חכמה באַשענקט —
מרדכי הצדיק — זײַן נאָמען געדענקט!

בײַ מרדכי הצדיק איז דעמאָלט געווען
אַ קרובה — די וועלט האָט אַזוינס נישט געזען:

אַ שיינקייט געווען און מיט גוטסקייט באַזעלט.
פּשוט, קיין קרעל האָט איר האַלדז נישט באַקרעלט.

איר לײַב האָט באַדעקט נאָר אַ לײַוונטן קלייד.
איר צונג האָט גערעדט נאָר מיט פּשוטע רייד.

אַ יידישע טאָכטער, מיט צניעות באַשענקט.
אסתר געווען איז איר נאָמען — געדענקט!

האָט מרדכי צו אסתר דער שיינער גענענט:
דאָס לעבן פון פאָלק איז בײַ דיר אין די הענט —

האָט מרדכי געזאָגט. ס'איז זײַן לעבן אין קאָן.
און אסתר געפרעגט האָט: וואָס הייסטו מיר טאָן?

דײַן הויט מיט די טײַערסטע זאַלבן זאַלב־אָן.
קליידער טו אָן לויטן לעצטן פאַסאָן.

און זאָל אחשוורוש, דער קעניג דיך זען —
האָט מרדכי געזאָגט. — און אַזוי איז געשען.

און ווי ס'האָט דער קעניג דערזען זי, דערקענט,
האָט זיך זײַן האַרץ אין אַ ליבע צעברענט.

און ער האָט זי באַלד פאַר זײַן מלכה געמאַכט.
נאָר אסתר, די מלכה, געוויינט האָט בײַ נאַכט.

און אסתר דערציילט האָט דעם מלך מיט טאָלק:
אַז המן אומברענגען וויל ס'יידישע פאָלק.

און זי איז אַ טאָכטער פון יידישן שטאַנד. —
און ער האָט געשווירן בײַם טראָן פון זײַן לאַנד:

אַז אַלץ, וואָס ס'האָט המן פאַר ייִדן פאַרטראַכט —
געשען זאָל מיט אים נאָך די הײַנטיקע נאַכט!

מיט המן הרשע דאָס אַלץ זאָל געשען!
און אויך מיט די בנים — די המנדלעך צען.

***

און וואָס פאַר אַ פרייד! און וואָס פאַר אַ גליק:
עס באַמבלט זיך המן אַליין אויפן שטריק!

עס באַמבלען מיט אים זיך די בנים, די צען.
און אַזוי וועט מיט אַלע המנס געשען!...

אַ פאָלק אָן קייטן

אַ מעשה, אַן אַלטע, פון טויזנטער יאָרן,
דערצייל איך דיר, זון מײַנער, הײַנט פון דאָס נײַ,
ווי אונדזער שטאַם, אונדזער פאָלק איז געוואָרן
פון אוראַלטע היטלערס — פון פרעהס באַפרײַט:



עס האָבן די פרעהס דאָס לעבן פאַרשוואַרצט אונדז,
די טעג אונדז פאַרביטערט, דעם גלויבן געשענדט,
דאָך האָט נישט דער שונא די ליבע אין האַרצן,
דעם גלויבן אין פרײַהייט פאַרשוואַרצן געקענט.

און ס'האָבן די קנעכט צו אַ פאָלק זיך דערהויבן!
און משה געוועזן איז פון פרײַהייט דער פלאַם.
עס האָט אין דער מדבר צעבליט זיך דער גלויבן,
דער ווילן צו פרײַהייט — געשפּאָלטן דעם ים...

און ווידער פאַר פרײַהייט די ימים צו שפּאַלטן,
מדבריות צו קרייצן מײַן פאָלק איז הײַנט גרייט!
עס וועט קיין שום פרעה אין קייטן נישט האַלטן
אַ פאָלק, וואָס האָט איין מאָל צעריסן די קייט!

~ א פאָלק אָן קייטן ~

ליד: שניאור וואסערמאן　　מוזיק: י. מ א ל י ן



פּאַפּוגײַ־לשון

— 1 —

ס׳פּיסקעלע פּאַרדרייט — אַ סטאַטעק.
אייגעלעך — פאַרגלאָצטע, פרומע.
ס׳צינגל — שוואַרץ און סאַמעט־גלאַטיק,
קען אַ רגע נישט פאַרשטומען.

פּאַפּוגײַעט, שעלט און פּרעפּלט!
ס׳איז אַ זאַך שוין אַ באַשערטע:
וואָס מער לײדיקער דאָס קעפּל —
פולער איז דאָס מויל מיט ווערטער...

אויך איז אונדזער פּאַפּוגײַ פלינק
נאָכצוזינגען אַלע שטימען! —
זינגט נישט, ווי דער סאָלאָוויי זינגט,
דאָך — אַ בריה נאָכצוקרימען.

און זײַן אייגן קול־נגינה? —
בעסער וועגן דעם נישט ריידן! —
ס׳לײַדט דאָס אייניקל בחינם
פאַר די זינד פון זײַנע זיידעס.

— 2 —

ס׳פלעגט זײַן זיידע נאָך באַשיידן
אייגענע ניגונים זינגען.
זינגען, פשוט — טעם גן־עדן!
ריידן — אַ געזונט אין צינגל!

ריידן פּאַפּוגײַיִש קלאָר און
נישט געשטאַמלט גלאַט לשונות. —

נאָר, ס'האָט יעדער זײַן חסרון,
האָט ער אויך געהאַט חסרונות:

ליב געהאַט רכילות טרײַבן,
לשון-הרעלעך צו פּיקן,
אויכעט — צווישן אונדז זאָל בלײַבן —
מיט אַ ליגנטל זיך קוויקן.

— 3 —

טוט אַ פּיקהאָלץ זײַן מלאכה:
פּיקט זײַן פּיקער אין אַ שטאַם אײַן,
שיט דער פּאַפּוגײַ מיט שבחים:
זעט אַ פּיקערל — אַ האַמער!

זאָל עס דיר אויף לאַנג געדײַען!
ס'וועט דיר בײַשטיין אַלע נויטן...
כאַטש... קאַנאַריק — געלער קלײַען —
זאָגט, אַז פּיקהאָלץ... מיינט — אַ שוטה.

— 4 —

צום קאַנאַריק גלײַך, די רגע,
פליט ער אָן אַן אומגעריכטער:
פאַר דײַן גרויסן כבוד וועגן,
גאָלדן-פעדערדיקער דיכטער!

כ'קום דאָ פונעם פּיקהאָלץ ערשט נאָר:
עך! אַ פּראָסטס! אַ באַלמעלאָכע...
אָסור, אויב ער האָט די ווערט גאָר
דײַן בן-יער צו זײַן, דײַן שכן!

אים געפעלט נישט דײַן נגינה! —
שטראָף נישט גאָט פאַר בייזע צינגער!
ס'פּלאַצט בײַ אים די גאַל פאַר קנאה
צו דעם קעניג פון די זינגער.

— 5 —

אַט אַזוי אַרומרכילותט,
אָפּגעפּליאַטקעוועט די יאָרן,
ביז דאָס איז שוין זײַן רגילות,
נישט פֿאַר אונדז געדאַכט, געוואָרן;

דאָ געחנפהט, דאָרט באַלאַקעט
פּלעגט אויף יעדן לשון קנעלן:
צו דער קראָ האָט ער געקראַקעט,
צום קאַנאַריק פּלעגט ער טרעלן.

צו דעם טײַבעלע געוואָרקעט
אויף אַ שטילער טויבן-נאָטע.
און צום חזירוק געפּאָרקעט,
ווי אַ חזיר אין דער בלאָטע.

— 6 —

האָט פֿון זיידן די רגילות
אונדזער פּאָפּוגײַ געירשנט:
מיט די שפּראַכן — די רכילות,
מיט דעם שטאַמלען — דעם בעל-דרשן...

וואָרקעט, קראַקעט, גרילצט און זינגט זיך,
אַט — אַ טויב און אַט — אַ קראָ שוין.
— — — — — — — — — — — — —
נאָר אויף אַלע בייזע צינגלעך —
אָן זײַן שאָדן — אַזאַ לשון!...



דעם העלפאַנטס נאָז

ווילט איר וויסן, ווען און וואָס,
בייַ דעם העלפאַנט איז די נאָז
אויסגעוואַקסן גרויס און לאַנג —
זאָלט איר הערן דאָס געזאַנג:

— 1 —

אין דער אַלטער צייַט אַמאָל,
אין אַ ברייטן, גרינעם טאָל —
גרין צו גרין איז אויך נישט גלייַך —
האָט געשפּיגלט זיך אַ טייַך.

און אַרום דעם טייַך אין טאָל,
האָט געגרינט אַ וואַלד אַמאָל,
איז דער טייַך אין וואַלד געווען,
ווי אַ שפּיגל אין אַ רעם.

ביימער האָט געהאַט דער וואַלד,
יעדער בוים מיט זײַן געשטאַלט:
קאָקוס־פּאַלמען, פול מיט ניס,
קאַקטוס — שטעכיקע — פאַרשפּיצט.

דעמבעס האַרטע, ווי פאַרשטיינט,
ווערבע־ביימער, ווייך־פאַרוויינט. —
וואַקסט אין זעלבן גרינוואַלד־שוים,
סײַ דער דאָרן, סײַ די רויז.

— 2 —

און אין שכנהשאַפט מיט זיי
ווױנען חיות אַלערליי:
פוקס און אייזל, לייב און האָז,
און דער העלפאַנט — לאַנגע־נאָז.

נאָר עס ריידן וואַלד און טאָל,
אַז דעם העלפאַנטס נאָז אַמאָל,
אינעם גרינעם וואַלד, בײַם טײַך,
איז געווען מיט נעזער גלײַך.

קורץ, אַ נעזל — אַן אַנטיק!
ביז דעם העלפאַנט האָט באַגליקט,
(פאַר זײַן וווּקס און שיין געשטאַלט)
ווערן קעניג אינעם וואַלד.

וואָס דאַרף טאָן אַ קעניג, וואָס? —
שטופן אומעטום די נאָז...
האָט ער גלײַך זײַן קעניג־שנוק —
אומעטום אַרײַנגערוקט.

— 3 —

שפּרינגט אַ העזעלע, אַ שנעק,
גיט דער העלפאַנט גלײַך אַ שמעק,
אַז דאָס שפּרינגען איז נישט סתם.
זינגט אַ פויגל מלא־טעם. —

איז: צו וואָס דאָס זינגעריי?
און אויב זינגען, איז בתנאי:
עס זאָל זײַן לויט זײַן געשמאַק
און צום העלפאַנטישן טאַקט...

שעפּטשען ביימער שטילערהייט,
איז אַ סברא, אַז מען גרייט,
חס-ושלום, עפּעס טון
פאַר אַ ביסל מערער זון.

— 4 —

איז אַ מעשה אָן אַן עק! —
אַזוי לאַנג די נאָז געשטעקט,
אויסצושמעקן, ווען און וואָס? —
און אַ נאָז איז נאָר — אַ נאָז.

נישט פון אײַזן, נישט פון שטאָל. —
ווערט זי לענגער יעדער מאָל,
ווען מען שטעקט זי נאָר אַרײַן,
וווּ אַ נאָז באַדאַרף נישט זײַן.

— 5 —

אויסצושמעקן אומעטום —
ווערט די גלײַכסטע נאָז אויך קרום.
און די קירצסטע נאָז ווערט לאַנג —
אויסגעצויגן, ווי אַ שלאַנג...

פֿאַר וואָס דער זשיראַף קען נישט רעדן

יעדער חיה, יעדער מין:
פון דעם אָדלער ביז דער שלאַנג,
רעדט זײַן שטומע חיה־שפּראַך,
זינגט זײַן אייגן שטום געזאַנג.

יעדער זינגט אין וואַלד־כאָר מיט:
ווער עס מעקעט, ווער עס בילט,
שוואַכע גרילצן אינעם גראָז
און אַ שטאַרקע חיה ברילט.

בלויז איין זשיראַף, נעבעך, איז
ניט באַשערט פון שפּראַך די פרייד.
און פאַר וואָס? — אָט הערט אַליין
וואָס דער פאַפּוגײַ דערציילט:

***

ווי דער זשיראַף האָט זיך נאָר
אויף די לאַנגע פיס געשטעלט,
האָט ער באַלד אַ ברוגז־שפּיל
אויפגעשפּילט דער גאָרער וועלט:

עט! — אַ קריכערין די שלאַנג,
פע! — אַ פּחדן איז דער האָז.
בײַ דעם הירש איז קורץ דער עק
און בײַם העלפאַנט — לאַנג די נאָז.

ס׳איז דער וואָלף אַ פּרעסערוק.
און אַ פּאַיאַץ איז דער בער.
אויך זײַן מאַיעסטעט, דער לייב,
ווער, מ׳שטיינס געזאָגט, איז ער? —

גרייכט אים ביז די קנעכל קוים
מיט זײַן גאַנצער קעניג־פּראַכט...
סאַמע קליינוואַרג! הוילע דרויב! —
קיינס נישט לויט זײַן מאָס געמאַכט.

גיי זשע זײַ אַ בריה דאָ
און געפין זײַנס גלײַכן אָפּ,
אַז פון גאָר די העכסטע שוין —
איז ער העכער מיט אַ קאָפּ.

אלא — וואָס דער קאָפּ איז קליין
און דער זשיראַף גרויס — אַ באַרג? —
איז וואָס קלענער ס׳איז דער קאָפּ,
העכער רײַט ער אויפן קאַרק...

איז קיין גלײַכס צו אים נישטאָ,
לעבט ער בלויז פאַר זיך און — גאָר.
זאָגט גוט־מאָרגן קיינעם נישט,
ענטפערט קיינער נישט גוט־יאָר...

און צו וואָס די אַלע רייד? —
פּלוידער! פּוסטער צײַט־פאַרטרײַב!
ניין, ס׳איז נישט פאַר אים געדאַכט!
נישט אַפילו פאַר זײַן ווײַב...

ס׳איז פאַר פוקסל־אַדוואָקאַט.
פאַרן בערל דעם פּאַיאַץ.
פאַר דער מאַלפּע־אַקראָבאַט
און דער גבאיטע — דער קאַץ.

פאַר דער מכשפה־קראָ.
דעם לונאַטיק — סאָלאָוויי.
פאַר דער גאָ־גע־רן — דער גאַנדז
און דעם פּלאָטקער — פּאָפּוגײַ.

***

רעדט ער מער קיין וואָרט נישט אוים,
טוט נישט מיט קיין אויג קיין ווונק,
האָט די גאַנצע זשיראַף־שפּראַך
אויסגעטריקנט אויף זײַן צונג.

כאָטש זײַן צונג איז דווקא לאַנג,
לאָזט זי נישט קיין פּיפּס אַרוים.

— — — — — — — — — — — — —

ביטער, אַז דער קאָפּ איז קליין
און די גאווה, נעבעך, גרוים!

אויגוסט 1957

דאָס אייזעלע קען ניט שרײַבן

ס׳האָט די מאַמע אייזלעכע
אַן אייזעלע געבוירן. —
קליין איז עס, דאָס אייזעלע,
מיט גרויסע, לאַנגע אויערן.

מאָדנע איז דאָס אייזעלע,
מײַן אייזעלע, דאָס קליינע:
פיסלעך האָט עס פיר צום לויפן,
הענטלעך — גאָר קיין איינס נישט.

אַז עס האָט קיין הענטלעך נישט
מײַן אייזעלע, דאָס קליינע —
ווי זשע וועט עס זיך אויסלערנען
שרײַבן, אָדער לייענען?

אַ שאָד, אַ שאָד דאָס אייזעלע:
אַן לייענען, אַן שרײַבן,
וועט עס, נעבעך, שטענדיק שוין —
אַן אייזעלע פאַרבלײַבן...

אָקטאָבער 1947

אַ קו - אַ מאַמע

שפּרינגט אַ קעלבעלע אין פעלד,
שטייט די מאַמע־קו און קוועלט;
שמעלצט פאַר נחת זיך די קו:
זאָל די וועלט אַ קוק טאָן — מו!

— ?ווער האָט נאָך אַזוינס געהערט
נישט בײַם לויפער, בײַ דעם פערד,
נישט בײַם פרעסער — וואָלף אַליין —
זאָל אַ קינד — אַ קעלבל זײַן.

אונדזער שכן חזירוץ
האָט חזירימלעך אַ טוץ —
שענק איך אַלע זיי אַוועק
פאַר מײַן קעלבלס שפּיץ פון עק.

— ?און צו וואָס די גאַנצע מי
:נעמט דעם פּאַסטעך פון די קי
,קנאַקן מיט דער בײַטש ער קען
— !נאָר אַ קינד בײַ אים, זאָלסט זען

:אַ פאַרזשעניש, אַ שרעק
!נישט קיין טלאָען, נישט קיין עק
פּיסעלעך — נישט מער ווי צוויי
:און אַ לשון — גיי פאַרשטיי

!"מעקעט — אַנשטאָט „מו" — גאָר „מאַ
וואָס קען וואַקסן פון אַזאַ
— ?קליין צוויי־פּיסלדיק אַנטיק
...נישט קיין קו און נישט קיין ביק

יעדער מיט זײַן חן

אויסגעציקלט מיטן טראָפּ,
האָט אַ האָן אַ קריי געטאָן:
קו־קו־רי־קו! — און דעם קאָפּ
שטאָלץ פֿאַררײסן — מעשה האָן.

קרייעסט שיין און אויך צום גראַם —
זאָגט אַ הינדל אויפֿן מיסט —
נאָר פֿאַררײַסן מיטן קאַם,
כ׳לעבן, דאָס באַדאַרף מען נישט.

קרייעסט, ווײַל דו ביסט אַ האָן,
ס׳ווייסט אַ הינדל דאָס און איי.
ס׳האָט דײַן זיידע דאָס געטאָן,
און דײַן זינדל — אָך־און־וויי! —

וואַקסט אַ קרייער גלײַך, ווי דו.
שוין אַ קרענק אַזאַ מן הסתם:
שטערן יענעמס רו, דערצו —
נאָך פֿאַררײַסן מיטן קאַם.

ס׳פּאַסט זיך פֿאַרן אינדיק־נאָז,
אָדער פֿאַרן גענדזל־בויך:
בלאָזן זיך אָן אַ פֿאַרוואָס
און דעם קאָפּ פֿאַררײַסן הויך.

איך, למשל, זעסטאָך, האַ:
לייג מיר יעדן טאָג אָן איי.
אָפּגעלייגט — איז שטיל און שאַ,
נישט איך קרייע, נישט איך שרײַ.

בלויז אַ מאָל אין גוטן טאָן:
קאַ־קאַ־קאַ! און קאָד־קאַ־דאַך!
נו, דאָס מוז אַ הינדל טאָן,
דאָס איז עכטע הינער־שפּראַך...

*
**

קומט דער טײַטש פון זיך אַליין
און גיט בײדע צו גערעכט:
יעדער זאַך האָט זיך איר חן,
אויב מען טוט אין צײַט און עכט.

אַפּריל 1949

בייגל־בעקער

אַט אַזוי־אַ באַקט מען בייגל:
פריִער קנעט מען אוים דאָס טייגל.

אויסגעקנעטן — לאָזט מען יערן,
אַז דאָס טייג זאָל גרעסער ווערן.

אויפגעיווירן, ברייטער, העכער —
מאַכט מען צו די בייגל — לעכער.

גרויסע לעכער און, וואָס גרעסער —
זענען אַלץ די בייגל בעסער...

זענען בייגל אויסגעבאַקן —
זאָלן אַלע ציינדלעך קנאַקן!

עסט, עס וועט פאַר יעדן סטאַיען.
נאָר נישט כאַפּן — גוט צעקײַען!

פעברואַר 1948

לידו שניאור האסערמאן ~ **בײגל-בעקער** ~ מוזיק: י. סאלי



דרײַ קינדער

פון וואַנען ווייסט די מאַמע
וויפל איך בין אַלט? —
ווערסט שוין, זאָגט זי, קינד מײַנס,
גאַנצע פיר יאָר באַלד.

פרעג איך בײַ דער מאַמען:
מאַמע, ווען איז „באַלד"?
און צי ווערט די מאַמע
אויך שוין פיר יאָר אַלט?

און איך וויל אויך וויסן
וויפל ס'איז אַ יאָר. —
נאָר די מאַמע שמייכלט:
ביסט אַ קינד נאָך גאָר.

איז דאָך נאָך די מאַמע
אויך אַ קינד, נישט מער.
כ'האָב דאָס פון דער באָבען
הײַנט אַליין געהערט...

אויכעט אויף דער באָבען
הער איך, ווי מען זאָגט:
קינדיש ווערט די באָבע
מער מיט יעדן טאָג.

די זון לאַכט און לאַכט

אַלע שול־טירן פאַרמאַכט
און די גאַנצע וועלט איז אָפן;
און די זון — זי לאַכט און לאַכט
ביז דער טאָג אַליין גייט שלאָפן.

לאַכן מיט דער זון צוגלייַך
אַלע בערג און אַלע טאָלן;
און פּאָר פריידן קוועלט אָן דער טייַך,
קוואַלן ווערן אָנגעקוואָלן.

און די פייגל אין אַ כאָר
פילן־אָן די בלויע רוימען.
אַז די וועלט איז לויטער, קלאָר —
איז נישטאָ קיין שטייַג, קיין צוימען.

אַז די ערד בליט־אויף און גרינט,
פרייען קינדער זיך און זשומען;
זשומען, ווי אין קוסט די בין,
בינען — אין אַ קוסט פון בלומען.

דעצעמבער 1967

אַן אָפֿענע וועלט

גערלערנט זיך פֿלײַסיק אין קלאַס,
פֿון אָפֿענע ביכער געקנעלט. —
איצט שטייט פֿאַר אונדז אָפֿן די גאַס:
דער פּאַרק און דער טײַך און די וועלט.

דער פּאַרק איז צעבלימלט, צעבליט.
די פֿייגל — צעטרילערט, צעטרעלט,
זיי רופֿן: קומט, זינגט מיט אונדז מיט —
דאָס ליד צו דער אָפֿענער וועלט.

די טײַכן: צעפּליעסקעט, צעשוימט.
די כוואַליעס: באַזילבערט, באַקרעלט,
צעטאַנצן זיך פֿרײַ, נישט געצוימט —
דעם טאַנץ צו דער אָפֿענער וועלט.

עס מיניעט דער טאָל און דער באַרג,
מיט גרינקייט און שטראָמען צעקוועלט.
קומט, רוט — ווינקט דער באַרג — אויף מײַן קאַרק —
די רו אין אַן אָפֿענער וועלט.

דעצעמבער 1971

פרילינג־מתנות

ס'איז דער פרילינג אָנגעשווומען
אין אַ בלויער שיף צום פּאָרט:
פול מיט פרילינג־פּאַסאַזשירן
און פאַראַנקערט אויפן אָרט.

האָט די שיף געבראַכט מתנות
אין דער שטיינער־שטאָט אַרײַן:
שטיקער הימל אויף די מאַסטן,
אויף די פענער — זונען־שײַן.

אין די קעלערס — גרינע גראָזן,
שטיפער־ווינטלעך אויף איר דעק.
און דעם האָרן־פײַף פון פּאַסטעך,
בײַ דעם טײַכלס ווערבע־ברעג.

אָפּגעלאָדן די מתנות,
לאָזט די שיף זיך מיט געזאַנג,
שווימען צו נאָך ווײַטע ברעגן —
ברענגען פרילינג אַ געשאַנק...

סעפטעמבער 1952

וואָס טוט די זון?

זעט נאָר, קינדער, זעט אַ טאָג! —
הימלען, לויטער, אויסגעצוואָגן.
און די זון: אָ, זעט אַ וווּנדער,
ווי זי האָט עס אָנגעצונדן
און פון שטראַלן אויסגעשפּונען
אַזאַ לויטערן באַגינען!

ווו עס פאַלן אירע בליקן —
הייבט זיך אָן אַרויסצופּיקן,
אויסצושיילן, אויסצוטיילן,
איבער מילע־מילע מײַלן,
איבער פעלדער, הײַזער, שײַערם —
אַ באַגינען גאָר אַ נײַער.

אָט אָ זעט און זײַט די עדות:
וויפל שיינקייט, וויפל פרייד איז
אין דעם רויטלען זיך פון פלאַטאַ!
אין דעם שטראַליקן געפלאַטער
פון די פאָנען אויף די שיפן
איבער פײַערדיקע טיפן!

און די אַנדן־שפּיצן זעט איר? —
ווער האָט דאָרט אַרויפגעקלעטערט
און צעצונדן זיי, צעפלאַקערט?
און די וואַטע־פעלדער טשאַקער,
אָט דאָס ווײַסע גאָלד, דאָס בלאַנקע,
וועמען איז דאָס צו פאַרדאַנקען?

— איר, דער זון פון די כאורן!
זי מאַכט זים די צוקער־ראָרן
אויף די פעלדער טוקומאַנער.
און די טרויבן סאַן־כואַנער,
פול מיט ווייַן און מזל־ברכה —
דאָס איז אַלץ דער זונס מלאכה!...

סעפטעמבער 1952

דער ווינטער איז אַנטלאָפֿן

ס׳האָט די נײַע פרילנג־זון
צו דער ערד אַ לאַך געטון —
איז דער ווינטער גלײַך אַנטלאָפֿן
צו דעם ווײַסן בער אין צפון.

הערט נאָר, ווי דאָס איז געשען:
ס׳האָט די פרילינג־זון געזען —
ווינטן ווינטלען זיך און בלאָזן,
אויף די פעלדער וועלקן גראָזן.

ס׳ווערן געל און גרוי די גרעזלעך.
קינדער קריגן רויטע נעזלעך.
אויגן טרערן, באַקן בלייכן.
אויף די ליפּן פרירט דער שמייכל.

איז נישט גוט אַזוי, נישט שיין! —
ס׳דאַרף אַ קינד אין שול צו גיין.
ס׳דאַרף אַ קינד די גאַס פאַרשפּילן. —
טאָר אַ קינד זיך נישט פאַרקילן.

האָט די זון אַ טראַכט געטאָן:
און האָט גלײַך אַ לאַך געטאָן
מיט אַ זוניקן געלעכטער. —
אָבער וואָלקנס זענען שלעכטע.

אָנגעכמורעט, אָנגעשטויסן. —
קענען זיי מיט זון נישט הויזן,
אונטער בלויע הימלען, קלאָרע.
ס׳איז די זון פאַר זיי אַ צרה.

יעדער זונען־שטראַל — אַ דאָרן.
האָבן זיי זיך אָנגעשפּאַרנט,
אָנגעזאָטלט פערד צו רײַטן —
און גענומען מאַכן פּליטה!

און מיט שטראַלן־ריטער, מונטער,
שמײַסט די זון און טרײַבט זיי אונטער:
פּאָרט געזונט און לייגט אײַך שלאָפן
מיטן ווײַסן בער אין צפון!

סעפּטעמבער 1956

טאַנצט אַ רעגן

איבער גאַסן ווײַט און ברייט,
בלאָזן ווינטן אויף טרומייט:
פו־פו־פו, פו־פו־פו!

פויקט אַ דונער פרײַ און מונטער
און אַ רעגן פליעסקעט אונטער:
פלו־פלו־פלו! פלו־פלו־פלו!



שפּאַלט אַ בליץ דעם הימל אויבן,
אין די פענצטער קלינגען שויבן:
קליפּ און קלאַפּ! קליפּ און קלאַפּ!

און דער רעגן פיטש־נאַס,
טאַנצט מיט הוילע פיס אין גאַס:
היפּ־היפּ־האָפּ! היפּ־היפּ־האָפּ!

30.8.42

זעט נאָר, זעט!

נאָך אַ פרילינג האָט צעגרינט זיך,
האָט צעבליט זיך אויף דער וועלט:
זעט נאָר, זעט אַ זון אין דרויסן,
ווי זי הערט עס, ווי זי קוועלט!

און פאַר וועמען? — פאַר אײַך, קינדער,
העלט און קוועלט אַזוי די זון!
גרויסע ליגט עס דען אין זינען
אויף דער זון אַ קוק צו טון?...

און פון שפּילן אין די פּאַרקן
ווייסן גרויסע דען דעם טעם?
נו, איז אין די פּאַרקן, קינדער,
און אַ שפּיל־טאָן, פײַער־פלאַם!

און צום ים־ברעג, צו די טײַכן —
זעט ווי שיין די וועלט איז הײַנט!
נאָר פאַרגעסט אויך נישט אין פרילינג,
ווען איר וועט שוין גרויסע זײַן...

נאָוועמבער 1965



זיבן גענדזלעך

זיבן גענדזלעך אין אַ שורה —
אַלע מיט דער זעלבער צורה:
ווײַס דאָס ערשטע, ווײַס דאָס צווייטע —
און זיי האָבן פליגל ברייטע.

מוזיק: מ. סטאָליצקי



מאַכט דאָס ערשטע גענדזל פּאַך,
מאַכט עס באַלד דאָס צווייטע נאָך;
און אַזוי־אַ דרײַ און פיר —
פּאַכען פליגלען אָן אַ שיעור.

זיבן שנאָבלען — אַלע געלבע.
אויך דאָס לשון איז דאָס זעלבע:
איינס מאַכט — גאָ! דאָס צווייטע — גאָ! —
ס'איז אַ גענדזן־שפּראַך אַזאָ.

דער קאָמפּאָזיטאָר פון דער דאָזיקער מוזיק, מ. סטאָליצקי, איז — לויט הערגאַנגענע ידיעות — געווען אַן 11־יאָריק יינגל, דאָכט זיך פון ווילנע. די מוזיק איז געשאַפן געוואָרן פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה. דער גורל פון דעם יונגן קאָמפּאָזיטאָר — אומבאַקאַנט.

ווער איז דער גרעסטער?

אַלץ בײַ אונדז איז גרויס און גרעסער:
אויב אַ רעגן — גיסט פון פעסער;
און אויב זומער — פלאַמט אין דרויסן. —
יעדער האַלט זיך דאָ אין גרויסן.
ס'איז אַ לאַנד פון בלויז גיגאַנטן:
אויפן דרום-צו — די אַנדן;
ריזן-וועלדער אויפן צפון;
און די טײַכן — גאָר אָן סופן!
נישט קיין טײַכן — גאַנצע ימען!
און די פעלדער — ווייצן סאַמע;
שאָף און רינדער אויף די פליינען;
קעלערס — פול מיט פעסער ווײַנען.
אין די שטעט — גיגאַנטן-הײַזער;
איינער וויל דעם צווייטן ווײַזן,
ווער פון זיי עס איז דער גרעסטער. —
ווו זשע נעמט מען אַזאַ מעסטער,
אויסצומעסטן, אָפּצוּוועגן?
און בײַ וועמען זאָל מען פרעגן,
ווער ס'איז אויף אַן אמת גרעסער? —
איינער טוט אַ זאָג: — די פרעסער —
זענען גרעסער דאָ פון אַלע...
זאָגט אַ צווייטער: — גאָר דער דלות;
זאָגן ווידער בייזע צינגער,
אַז דער גרעסטער איז דער הונגער...
נאָר איך דאַרף נישט מעסטן, וועגן,
און בײַ קיינעמען נישט פרעגן,
כ'ווייס: — מײַן מאַמע איז די בעסטע!
און מײַן טאַטע איז דער גרעסטער!

דעצעמבער 1964

דער הײשעריק

דאָ גרינט אויך אין האַרבסט דאָס פעלד.
דאָ בליט אויך מיט ברויט דער ווינטער:
ס'איז דער באַרג מיט שנייִ באַקרוינט.
און דער טאָל דאָ — שטענדיק גרינט ער.

סטאַדעס שעפּסן, סטאַדעס קי,
וואַקסן איבער נאַכט דאָ אונטער,
פּרוכפּערן און מערן זיך —
סײַ אין זומער, סײַ אין ווינטער.

ריזן־טײַכן — נישט פּאַראײַזט —
שטראָמען, פּליעסקען, זינגען מונטער.
דאָ איז פול מיט פיש דער טײַך —
סײַ אין זומער, סײַ אין ווינטער.

וואַקסט דאָ ברויט און פלייש און פיש,
פרילינג, זומער, האַרבסט און ווינטער,
נאָר דער הײשעריק אין לאַנד —
שלינגט דאָ אַלץ און אַלץ אַרונטער...

ביז די שטערן

יעדער קינד ווייסט שוין דערפון:
נאָך אַ רעגן שײַנט די זון.
נאָך דער זון קומט ווידער רעגן —
ס'איז אַ שפּיל פֿאַר קינדער וועגן.

בלויז אַ שפּיל אַזאַ, געוויס:
ווערט דער זון צו־הייס די היץ —
באָד זי זיך אין רעגן באַלד;
ווערט דעם רעגן נאַס און קאַלט —
וואַרעמט ער זיך אויף דער זון. —
יעדער קינד ווייסט שוין דערפון.

איצטער זאָג איך אײַך אַ סוד:
אויב איר נעמט אַ רעגן־באָד
און דערנאָך אַ ביסל זון —
וועט איר אויסוואַקסן דערפון,
מיט די קעפּ ביז צו די שטערן,
ביז דעם הימלס ווײַסע בערן...

זענט איר בײַ די שטערן אויבן:
רײַסט זיי אָפּ, ווי הענגלעך טרויבן,
פון די בלויע הימל־סעדער.
שפּאַנט דעם דונער אין די רעדער,
און דעם בליץ — פֿאָרויס אין וואָגן —
איידער ס'נעמט דער טאָג אויפטאָגן.

שפּעטער נעמט איר זונען־שטראַלן,
פלעכט זיך אוים אַ בײַטש צום קנאַלן;
קנאַלט איר פריילעך און מיט גליק —
קומט איר אָן אַהיים צוריק.

אָקטאָבער 1964

פֿאַרזאַמט האָט זיך דער רעגן

פֿאַרזאַמט האָט אין וועג זיך דער רעגן:
פֿאַרבלאָנדזשעט, צי גאָר זיך פֿאַרשלאָפֿן? —
האָט זיך מיטן רעגנס פֿאַרמעגן
אָן אומגליק, אַ גרויסער, געטראָפֿן.

עס האָבן די בלעטער און גראָזן
שיעור נישט די געלזוכט באַקומען.
די קעפּלעך אַרונטערגעלאָזן
עס האָבן די זאַנגען און בלומען.

עס האָט זיך אויףביימער די קאָרע
געשפּאָלטן, פֿון דאָרשט אײַנגעשרומפּן.
עס האָבן די טײַכלעך, די קלאָרע,
באַדעקט זיך מיט גרינלעכע זומפּן.

עס האָט מיט פֿאַרטריקנטע פֿינגער
דער דאָרשט אָנגעקלאַפּט אין די טירן.
און באַלד האָט, צום דאָרשט אויך דער הונגער,
גענומען אויף גאַסן שפּאַצירן.

צעלייגט זיך אויף שטויביקע וועגן,
געקראָכן דורך פֿענצטער און לאָדן.
ווער ווייסט, וואָס דער פּעפּער — דער רעגן —
וואָלט אַלץ נאָך געבראַכט פֿאַר אַ שאָדן? —

נאָר באַלד האָט אַ דונער, אַ בייזער,
דעם פּעפּער פֿון שלאָף אויפֿגעריסן,
דעם רעגן די וועגן צו ווײַזן —
צעצונדן האָט ער זײַנע בליצן.

און ס'האָבן די הימלען צעבליצט זיך,
מיט טויזנטער פּײַלן געשאָסן —
און האָבן אויף טעג, די צעהיצטע,
מיט צעבערס, מיט גאַנצע געגאָסן.

צעגרינט האָבן בלעטער און גראָזן,
צעגילדיקט — דאָס ווייץ און דאָס קאָרן.
עס האָבן זיך טײַכלעך געבלאָזן —
ברייטער, ווי לענגער געוואָרן...

און הונגער געמאַכט האָט פּליטה,
דעם דאָרשט האָט דער רעגן דערטרונקען.
און ס'האָבן זיך קינדער, דערפרייטע,
אין רעגן צעטאַנצט און צעזונגען!

דעצעמבער 1948

אַלטער, קאַלטער פּעטער

(כעלעמעריש)

ווינטער-לעבן, ווינטער ליבער —
אַלטער, קאַלטער פּעטער:
אין די נישט-באַהייצטע שטיבער —
קום אַ ביסל שפּעטער.

נישט אַצינד, ווען זון פאַרהילט זיך
אין די כמאַרעס אויבן;
ווען אַ קאַלטער ווינט צעשפּילט זיך
אין די טירן-שויבן.

קומען זאָלסטו אין די היצן,
פּעטער-ווינטער, ליבער,
ווען די ווענט אפילו שוויצן
אין די ענגע שטיבער.

אויף אַ שליטעלע מיט גלעקלעך
זאָלסטו דעמאָלט קומען —
און אָפּליינגן דאָ די פּעקלעך
אויפן גאַנצן זומער.

אָבער איצטער, ווען עס פרירט שוין
און אַ ווינט פייַפט-אונטער —
קען מען זיך באַגיין אָן דיר שוין,
קאַלטער פּעטער-ווינטער!

מיי 1970

אַ כעלעמער זון

אַזאַ מאָדנע איז די זון:
ווען איך שפּיל מיך אויף דער גאַס,
קושט זי מיר די באַקן אויס
און זי שטיפט מיט מיר און שפּאַסט.

נאָר אין שטוב אַריין צו מיר
קומט זי קיין מאָל נישט אַריין,
כאָטש ס'איז טונקל אין מיין שטוב
אָן אַ ביסל זונען־שיין.

און פאַרקערט, אין שכנס הויז,
כאָטש ס'איז ליכטיק דאָרט סיי ווי,
קומט זי אַלע טאָג די זון
און זי שיינט נאָך דאָרטן צו...

אַ כעלעמער מעשה

אַ דונער צעקנאַלט זיך, צעבליצט זיך אַ בליץ.
באַלד האָט אַ רעגן געטאָן אויך אַ שפּריץ.
אַ שפּריץ נאָך אַ שפּריצל, פּאַמעלעך, נישט דרייסט —
און שוין זיך צעגאָסן און שוין זיך צעפּלייצט.

אַלץ הייסט אַ פּליוצן! אַלץ הייסט אַ גיסן! —
געמיינט ס'ווערט דער הימל אויף פּיצלעך צעריסן!
געמיינט ס'האָט דער רעגן דעם שליסל פֿאַרגעסן
און וועט באַלד, חלילה, די זון אויך פֿאַרלעשן.

אַ ווערטל: פֿאַרלעשן אַ זון אַזאַ ברען!
ווי וואָלט דער טאָג אָן דער זון אויסגעזען?
ווער וואָלט דעם הימל גאַנץ פֿרי געפֿאַרבט רויט?
ווער וואָלט דעם האָן אויפֿגעוועקט אויפֿן פּלויט?

אַלץ וואָלט אין אייביקן שלאָף אײַנגעשלאָפֿן! —
נאָר מיט דער וועלט האָט אַ נס זיך געטראָפֿן —
אַ נס פֿון די ניסים, וואָס טרעפֿט, ווי מיר ווייסן,
אַ שבת פֿאַר נאַכט אין דער באָבעס אַ מעשה:

ס'האָבן די שפּיצבערג דערוווּסט זיך דערפֿון,
אַז ס'וויל גאָר דער רעגן פֿאַרלעשן די זון. —
האָבן זיי באַלד אַלע ווינטן צעוועקט —
און גלײַך אַלע לעכער אין הימל פֿאַרשטעקט.

און האָבן געטריבן די רעגנס מיט פּוריע:
גייט און טרינקט אָנעט דאָס זאַמד אין מדבריות!
טרינקט־אָן די טרוקענע פֿעלדער און סטעפּעס!
נאָר מיט דער זון — דרך־ארץ! נישט טשעפּען!

דער סוף פון דער מעשה? — איר זעט דאָך אַליין שוין:
די זון איז נאָך זון, זי וואַרעמט און שײַנט שוין;
שײַנט נאָך איצט העלער — פון רעגן געצוואָגן.
אָבער דעם אמתן־אמת צו זאָגן,

קען איך ביז הײַנט נאָך די זון נישט פאַרשטיין:
אין ווינטערטעג קליינע — אַ גענעץ, נישט מיין —
שטייט אויך די זון אַ פאַרשפעטיקטע אויף,
און שלאָפט־אײַן צוגלײַך מיט די הינער אין הויף.

דווקא אין זומער — דער טאָג איז אַ יאָר —
און באַקט, ווי אין אויוון פון פריִען קאַיאָר:
פלאַמט אויך די זון אויף גאַנץ פרי אויפן דאַך,
און לעשט זיך אין טײַכל ערשט שפּעט אין דער נאַכט,

און ווידער דאָס זעלבע: איז דאָס מיט יושר
צו לאָזן אַליין די נאַכט אינעם חושך?
ס׳קען דאָך, חלילה, באַהיט זאָל מען ווערן,
עמעץ פון דאָך אַראָפּלקחענען שטערן.

אָדער — עס זאָל גאָר די שעה נישט באַשעהן —
אַ כאַפּ־טאָן די גאַנצע נאַכט און... נישטאָ אים!
גיי זוך די נאַכט מיט לאַמטערן אין חושך!
איז דען די זון גאָר, חלילה — אָן יושר?...

אויגוסט 1964

טראָפּנס זון

טריפּט אַ רעגנדל פאַרטראַכט:
טריפּ-טראָפּ, טריפּ-טראָפּ!
קומט די זון און טוט אַ לאַך
צו דער ערד אַראָפּ.

לאַכט און לאַכט די זון מיט פרייד,
לאַכט פון גאַנצן האַרצן;
וואַרפט אַראָפּ פון זיך איר קלייד,
איר וואָלקן-קלייד דאָס שוואַרצע;

און טוט גלײַך אַ שפּרינג-אַראָפּ
אַ צעשטראַלטע, מונטער,
אין די טראָפּנס מיטן קאָפּ —
פּלוך! — און טוקט זיך אונטער.

קוועלן רעגן-טראָפּנס אָן
פון דער זונס שפּאַסן;
ווערט פון יעדן טראָפּ אַ זון —
זונען, מיל-מיליאַסן!

אַפּריל 30, 1965

ערשט גערעגנט

ערשט גערעגנט, ערשט געהאָגלט
און — דער הימל איז צעהעלט שוין.
און די זון שוין אויסגעצוואָגן,
קוקט אַראָפּ צו אונדז און קוועלט שוין.

שמייכלט צו די קלענסטע גרעזלעך —
נאָך פאַרוויינטע און באַצערטע —
און זי ווישט זיי אָפּ די נעזלעך,
ווי אַ מאַמע מיט איר פאַרטעך.

אויך אין פּשוט ריטשקע־וואַסער
לאָזט די זון איר שמייכל פאַלן. —
ווערן ריטשקעלעך אין גאַסן —
שטיקער זונען, בינטלעך שטראַלן.

און די פענצטער — פריש־געצוואָגן —
לאַכן דורך פאַרטרערטע אויגן.
ווער מיר רעגן! וואָס מיר האָגל! —
נישט געשטויגן, נישט געפלויגן!

אַפּריל 1964

אַ טרוקענע כמאַרע

ס'האָט אַ כמאַרע איבער וועגן
איינגעזאַפּט אין זיך דעם רעגן,
ביז אַ לעצטן, לעצטן טראָפּן —
און פֿאַרפֿראָפּט אים מיט אַ פּראָפּן.

העננט אַ בייזע, שוואַרצע כמאַרע,
איבער פעלדער דאַרע, קוואַרע,
איבער געל פֿאַרוועלקטע גערטנער,
איבער ברונעמער פֿאַרצערטע,
איבער וויסט, פֿאַרשטויבטע וועגן,
וועלכע בעטן שטיל אַ רעגן.

הערט די כמאַרע אוים די תּפֿילה —
און מיט ווייכע טריט, מיט שטילע,
שלײַכט זי ווײַטער זיך און ווײַטער. —
אָט אַ כמאַרע אַ פֿאַרשײַטע!

נעמט עס אַלעמען שוין אַרן:
זאָג, צו וואָס די וועלט געגאַרן?
זאָג, צו וואָס דעם דאַרשט נאָך רייצן?
ביסט אַ כמאַרע, זאָלסטו פּלייצן
און די הייסע ערד אָפּקילן!
אלא נישט — צו וואָס זיך שפּילן?

נאָר גיי טענה צו אַ כמאַרע
מיט אַ צאָרנדיקער מראה,
וואָס ווייסט פּונקט אַזוי פֿון יושר,
ווי אַ נאַר — אַ קאַרגער עושר...

און עס וואָלטן אַלע תפילות
מיט קיין טראָפּעלע אַפילו
נישט געקענט די ערד דערקוויקן. —
נאָר צום גליק פון אַלע גליקן,
איז די כמאַרע פון פיל שפּאָרן —
זיך אַליין צו־שווער געוואָרן...

שווער צו שווער איז נישט קיין גלײַכן!
און האָט אָנגעהויבן פרײַכן,
אונטערקרעכצן, הוסטן, ניסן —
און מיט רעגן גיסן, גיסן!

אויגוסט 1951

פאַרן קינדערגאָרטן

איך בין אויך אַ מאַמע

איך בין מײַן מאַמעס,
די ליאַלקע איז מײַן;
לייג איך מיין ליאַלקע
אין בעטל אַרײַן.

וויג איך מײַן ליאַלקע:
איַי-לו-לו-לו!
מאַך דײַנע שיינינקע
אייגעלעך צו.

עס קען שוין וויינען

ס'האָט מײַן מאַמע מיר געבראַכט
אַ שוועסטערל אַ קליינע,
קען עס נאָך נישט שטיין, נישט גיין,
נאָר עס קען שוין וויינען.

וויל עס עסן — איז געוויינט,
וויל עס טרינקען — וויינט עס. —
נאָר די מאַמע, זי אַליין,
ווייסט עס און פאַרשטייט עס.

צווײ און פיר

מײַן פערדעלע האָט פיר פיסלעך,
נאָר קיין הענטלעך האָט עס נישט:
קען עס לויפן, קען עס שפרינגען,
אָבער מאָלן קען עס נישט.

מײַן קיעלע האָט פיר פיסלעך
און אויך הערנער צוויי,
קען עס מעקען — מו און מו!
און בלויז קײַען היי.

מײַן ליאַלקע

איך האָב ליב מײַן ליאַלקע —
אַך, ווי זי איז שיין!
נאָר אין קינדערגאָרטן,
קען זי נאָך נישט גיין.

טראָג איך אויף די הענט זי —
איך בין דאָך שוין גרויס!
און אין קינדערגאָרטן
זיצט זי אויף מײַן שויס.

סטאָליאַר

סטאָליאַר, סטאָליאַר, סטאָליאַר,
הובליע, ציש-ציש-ציש!
מאַך פאַר מיר אַ בענקל,
מאַך פאַר מיר אַ טיש.

נאָר פֿון אַלע שענער —
אַ בעטעלע מיר מאַך —
דאָרטן וועט מײַן קעצל
שלאָפֿן יעדער נאַכט.

נעמען

מײַן ליאַלקע הייסט —
מלכּה.
מײַן הענדל הייסט —
מענדל.
מײַן הינטל הייסט —
ווינטל.
מײַן קעצל, מײַן קעצל —
לעקט מילך פֿון אַ טעצל.

אַ נר־תּמיד

גאָט פֿון געזאַנג:
שענק מיר בלויז איין קלאַנג,
וואָס זאָל בלײַבן נאָך מיר —
אַ נר־תּמיד אויף מײַן טיר.

פֿון אַלע לידער שענק מיר בלויז איין וואָרט —
צײַט און אָרט
זאָל עס נישט פֿאַרמעקן.

ווען שטויב וועט מײַן לײַב פֿאַרדעקן,
זאָל כאָטש איין וואָרט — גאָט מײַנער! —
איבערלעבן מײַנע ביינער.

יוני 1969

מעריב־תפילה

עס נידערט מײַן טאָג שוין צו מערב אַרונטער,
מיט שטילע, פֿאַראײַנזאַמטע טריט;
זײַן קרײַז נעמט זיך שליסן, ווערט פֿולער, פֿאַררונדטער,
ווי אַ לעצטער סטראָף פֿון אַ ליד.

שפּין איך אַ תּפֿילה אין מיר, אין די טיפֿן,
אין אײגענעם מאַרך און געביין:
נישט, ווי אַ חלבן ליכטל אויסטריפֿן
מײַן טאָג זאָל אין שעה פֿון פֿאַרגיין.

ער זאָל ווי אַ קאָסמישער שטיין אין די ספֿערן —
נאָך אײדער ער פֿאַלט צו דער ערד —
בלויז אין זײַן אײגענעם פֿלאַם זיך פֿאַרצערן.
און ווען ער וועט זײַן שוין פֿאַרצערט:

זאָל נאָך אים בלײַבן אַן אָפּשײַן אַ בלײכער
פֿון זײַן קורצן קאָסמישן פֿלי,
ווי ס׳בלײַבט אין זיכרון נאָך שוועבן אַ שמײכל,
אַ בליק, וואָס האָט לאַנג שוין פֿאַרגליט.

יאַנואַר 1966

ביי דער לײדיקער שיסל

אויף אַלע שטאָטישע טראָטואַרן
װײנען מײַנע עלנטע פֿאַרנאַכטן. —
פּרוּװ איך אָפֿט מאָל זיך אַלײן גענאַרן:
חלומען מיט אויגן אויפֿגעמאַכטע;

זוכן אויף די װאָכעדיקע גאַסן
אַ כּזית שבת פֿאַר מײַן גומען,
װי כ'האָב געזוכט אַמאָל אין מאַרקס ש"סן,
דעם קורצסטן װעג צום פֿעלקער־מזומן.

נאָר געפֿונען האָב איך דעם מזומן —
מיט דער צונג אין דרויסן אויף דער תּליה —
מיט רבנו מאַרקס אַרומגענומען,
ביי דעם צאַנקענדיקן ליכט פֿון שקיעה.

איז אַ כּזית שבת אויך נישטאָ שוין
אויף מײַן שלוש־סעודותדיקן טישל;
נישט דאָס שבתדיקע זמירות־לשון,
ביי דער לײדיקער, פֿאַרשעמטער שיסל.

כל דכפין

כ׳האָב נישט צו פיל אָנגעגרייט,
דאָך, גענוג פאַר צוויי און מער.
ס׳איז די טיר צעעפנט ברייט —
אורחים ליבע, קומט אַהער!
— כל דכפין!

אַלצדינג וואַרט שוין אויף די געסט:
וויַין און כוסות אויפן טיש.
ס׳פינקלט פּסחדיק געפעס.
אין די טעלער — פליש און פיש —
כל דכפין!

נאָר עס בלאָזט אין טיר אַ ווינט.
גאָפּל־מעסערס ליגן שטום.
און די כוסות גלאָצן בלינד.
בלויז די בענטשליכט פלעמלען פרום —
כל דכפין!

אויך דער אליהו־כוס
שטייט אַ פולער, נישט באַרירט.
עלנט, ווי זיַין באַלעבאָס,
קוקט ער שוויַיגנדיק אין טיר —
כל דכפין!

פסח, 1970

אין זכות פון מײַן אייניקל

אין זכות פון מײַן אייניקלס ערשטע טריט,
די וואַקלענדיקע, אויף דער ערד:
זאָל די ערד זײַן באַשיצט און באַהיט,
באַשירעמט פון פײַער און שווערד!

אין מײַן אייניקלס שטאַמלענדיקן טראַף —
דעם ערשטן צעזונגענעם — „מאַ״:
זינגט שירה מיט אים דער גאַנצער באַשאַף —
הללויה! הללויה!

ווער עס פאַרשטומט בלויז איין טראַף פון אַ קינד —
פאַרשטומט שוין דעם באַשאַף אַליין;
דער זכות פון מײַן אייניקלס ריין זײַן פון זינד —
זאָל דער זינדיקער וועלט בײַשטיין!

ספּטעמבער 1969

זיידע־גליק

מײַן אייניקל זעליג־וואָלף, צום ערשטן
טאָג אין קינדערגאָרטן, אין דער
צענטראַלער שלום עליכם־שול.

ביסטו אויכעט שוין אַ זיידע? —
טאָמער נאָך נישט — אײַל זיך צו,
כדי זוכה זײַן צו פירן
דײַן אייגן אייניקל אין שול.

דו, דער זיידע, זאָלסט אים פירן
ס'ערשטע מאָל אין שול אַרײַן
און זאָלסט ווילין פאַר די טירן:
טאָמער וויינט ער?... אָבער ניין!

נישט דײַן אייניקל וועט וויינען!
אַלע יאָ, נאָר דײַנער נישט...
דאַכט זיך גאָר, עס וויינט דער זיידע!
ווישט די טרערן זיך און ווישט.

זיך פאַרבענקט אַצינד מסתמא
אויף צוריקוועגס טאָן אַ בליק:
צו די קינדער־יאָרן דײַנע —
דווקא אין דײַן זיידע־גליק...

מעסטו איצטער אָן די יאָרן
פון דײַן אייניקל אויף זיך:
אָן אַ שול, אָן קינדערגאָרטן,
אָפּגעריסן און אָן שיך.

איז שוין נישט קיין רייד פון שפּילן,
ווען עס פעלט־אוים ברויט צו זאַט. —
צאָלסטו אָפּ דײַן אייניקל
מיט אַלץ, וואָס דו האָסט נישט געהאַט.

און דערפאַר די זילבער־טרערן
אין דײַן זיידע־בליק אַצינד:
זעסט דײַן עלטער איצט פאַרייִנגערט
און דײַן אָוונט־שעה — באַגינט...

מאַרץ 1963

עלנט און זײַן שכר

ס׳האָט זיך דער עלנט — פֿון הינטערן פּלויט —
באַקלאָגט פֿאַר דער וועלט אויף זײַן וואָגלען אַליין.
האָט אים די וועלט, גאָר ברייטהאַרציק באַלוינט:
אַ הימל פֿון אויבן, צו קאָפּנס — אַ שטיין.

ווען ס׳הייבן־אָן שטרויכלען בײַם עלנט די טריט,
ער פֿלאָנטערט די פֿיס אין זײַן וואָגלדיק גיין —
זעצט ער זיך צו בײַ דער זײַט פֿון יאַריד
און לענט־אָן זײַן מידן קאָפּ אויפֿן שטיין.

און באַלד ווי ער שליסט זײַנע אויגן נאָר צו —
לאָזט זיך פֿון הימל אַ לייטער אַראָפּ,
מיט גוטע מלאכים, וואָס היטן זײַן רו —
און בעטן די פֿליגל אוים אונטער זײַן קאָפּ.

אַפּריל 1969

עולם־הבא

איך האָב באַלד שוין אויסגעציילט
אַלע מײַנע פּאָעזיע־רענדלעך —
און קיין חלק עולם־הבא אַלץ נישט אײַנגעקויפט.

איך ווייס, איך ווייס, אַז: „אייביקייט",
„אומשטערבלעכקייט", „אומענדלעך" —
איז נישט מער, ווי זילבערשוים אין כוואַליקן געלויף.

אַלט, ווי גאָר דער מענטש אַליין, איז זײַן עולם־הבא־דמיון —
דער בלויער נעפּל־פּאַרהאַנג איבער זײַן פאַרגיין...
דאָך ווילט זיך זײַן אויך איינער כאָטש צום דמיון־מנין,
ס'זאָל מײַן „שטאָט" אין מזרח־וואַנט נישט בלײַבן ליידיק שטיין.

פעברואַר 1966

שחרית

מײַן שויבנטיר שיקט מיר איבער די ערשטע שחרית־שטראַלן.
מרוזשעט זיך מײַן בליק פון דער ליכט־שפע
און שאָקלט־אָפּ די ברעקלעך נאַכט פון די וויִעס.

צוויי פייגעלעך — מאַמע און קינד —
פלאַטערן אַראָפּ אין הויף:
מאַמע־פייגעלע פּיקט קרישקעס ברויט,
קאָרמעט איר קינד אין אָפענעם שנעבעלע —
און ביידע פלאַטערן צוריק אַרויף מיט אַ צוויטשער
צום בלויען הימל־קוואַדראַט —
זאַטע מיט דער זעט פון מײַן ברויט.

די וואַזאָנעס — מײַן אָאַזיס אין שטיינהויף —
כאַפּן־אויף די ערשטע ציטערדיקע שטראַלן;
שטרעקן־אויס די גרינע קעפּלעך;
גלעטן־אויס די פאַרשלאָפענע בלעטלעך;
עפענען די קינדערשע קנאָספּן־ליפּעלעך —
בעטן אַ טרונק.

טרינק איך זיי אָן;
יעט־אויס זייער ווילדגראָז;
צופּ אַרום די פאַרדאַרטע בלעטלעך —
און קוועל־אויף מיט זייער אויפקוועלן.

פון אונטערן גלאָז אויף מײַן שרײַבטיש
זוניקן־אַרויס ליבע בליקן:
פון פרײַנט און קרובים,
פון ברידער מיט זייערע געזינדלעך,
פון זון, טאָכטער, שנור און איידעם
און פון די ייִנגסטע שטאַמצווײַגלעך —
מײַנע אייניקלעך.

און אַלע שווייַגן־אויס אין כאָר
אַ זוניקן גוט־מאָרגן.

צווישן די בילדער אויפֿן טיש —
מייַן שרייַבמאַשין מיט יִדישע אותיות:
מיט די אותיות, וואָס כ׳האָב אַנטפּלעקט אין חדר;
מיט די אותיות פֿון מייַן טאַטנס צעריסענעם סידור;
פֿון מייַן מאַמעס פֿאַרשעמטן טייַטש־חומש.

שפּעטער:
פֿון „טביהם״ פּיקחותדיקע פּסוקים;
פֿון וויזיאָנערישן „שבת זאָל זייַן״!
פֿון „גולמס״ גאולה־חלום;

מיט די אותיות פֿון לעצטן „שמע ישראל״!
פֿון פֿאַרקוילטע ליפּן
אויף שייַטערס און גאַז־אויוונס.

מיט זיי: — די כתבי־הקודש
פֿון דורות קדושים —
אויסגעפּערלט אויף ווייַס פּאַפּיר;
אויסגעדבקהט אין פֿערזן —
דאַוונט מייַן געמיט שחרית.

נאָוועמבער 1968

מזמור לפרילינג

עס האָט מיך געוועקט היינט, אין בלויען כאור,
אַ מזמור לפרילינג פון פייגלשן כאָר.
און איך האָב מיין בליק אויפגעריסן פאַרגאַפט:
צום מייסטער־געמעל — צום נס פון באַשאַף.

צום נס פון יצירה, וואָס וועקט זיך — באַגינט.
צום ראָזעווען שמייכל פון קאָסמישן קינד —
דאָס פינטעלע ערד — אינעם קאָסמישן שוים,
וואָס זונט פון זיין בליק אַ גוט־מאָרגן אַרוים.

און איך האָב פאַרנומען דעם שאַל פון: „כי טוב"!
וואָס הילכט פון בראשית — ביזן אין־סוף.
און שאַלט אָפּ אין מענטשן — דעם שטויב פון באַשאַף —
וואָס שטייט מיט פאַרשלאָסענע ליפּצן און — גאַפט...

סעפּטעמבער 1970

אַ פֿרילינג ווערט געבוירן

ס׳טאָגט שוין אַלץ פֿריִער און שקיעהט שוין שפּעטער.
דער טאָג זײַנע זוניקע פֿליגל פֿאַרשפּרייט שוין.
די ערד נעמט אויפֿטײַען מיט גראָזן און בלעטער. —
דערקוויקט זיך דאָס האַרץ און דאָס אויג ווערט דערפֿרייט שוין.

וואָלקנס — צעגייען, דער הימל — צעבלויטער.
דער טאָל און דער באַרג — פֿאַרגאַנגען אין גרינען.
מענטש צו אַ מענטשן — ווערט נענטער, פֿאַרטרויטער.
איין בליק צום צווייטן — אַ בריק הייבט אָן שפּינען...

שוין נעמען זיך טײַכן מיט הימל פֿאַרמעסטן:
ווער פֿון זיי טיפֿער איז, ווער פֿון זיי בלויער.
און פֿון מרחקים עס פֿליִען שוין געסט אָן —
פֿייגל — דאָ זייערע נעסטן צו בויען.

אויגוסט 1970

פרילינג־חלום

בליִען בלומען אין מײַן גאָרטן —
שיינע בלומען — אַך, ווי שיין!
קום איך אין מײַן בלומען-גאָרטן
אַלע אין דער פרי צו גיין.

צווישן העלע בלומען-בייטן
גיי איך מיר אַרום. —
שמייכלען בלומען מיר אַקעגן,
גריסט מיך יעדער בלום.

און פון אירע בלויע הייכן
קושט מיך היים די זון. —
האָב איך נישט קיין בלומען-גאָרטן —
חלום איך דערפון...

מוזיק: ל. דרייזל   פרילינגס-באַלאַדע   טעקסט: ש. וואַסערמאַן



כ׳האָב דעם נעכטן נישט פֿאַרלוירן

כ׳האָב דעם נעכטן נישט פֿאַרלוירן —
און איך בענק אויך נישט צו אים:
כ׳האָב פֿון אים אַרויסגעבוירן,
אַט דאָס ברעקל, וואָס איך בין.

כ׳נעם זיך גאָר נישט צו פֿיל איבער
מיט דעם ים־טראָפּן — מײַן איך. —
נאָר כ׳האָב אים אַרויסגעפּיבערט
פֿון מײַן אייגן בלוט — פֿון זיך.

איז ער ליבער, איז ער עכטער,
איז ער מיר אין גאַנצן — מײַן. —
יאָ, פֿון הייסן אַש — פֿון נעכטן —
גלי איך אויס מײַן פֿונק — מײַן הײַנט.

אויגוסט 1968

מײַן לעבן איז אײנס...

מײַן לעבן איז אײנס.
בלויז אײן לעבן!

וויפל איך זאָל עס נישט צעגעבן,
צעשפּאַלטן,
צעברעקלען —
וועל איך עס ווידער צונויפהעקלען,
צוזאַמענהאַלטן
מיט די צײן.

דאָס לעבן איז מײַנס
און איך אַלײן —
מײַן לעבנס־קנעכט.

טראָג איך עס אויפן בלינדן וועג,
דורך טומלדיקע טעג,
דורך עלנטע נעכט —
ווי דורך פֿינצטערע טונעלן —
צום אויסגעדאַכטן,
אויסגעלאַכטן
טאָג דעם העלן,
צו זײַן
פֿאַרפֿירערישער שײַן.

טראָג איך עס מיט די צײן
פֿאַרן קאַרק,
ווי אַ צויג־מאַמע,
מיט אַן אָפּגעסמאַליעטער פֿעל,
טראָגט איר קלײנוואַרג
פֿון די פֿלאַמען.

ווּהין? —
אַן זין.

דער עיקר — פון דאַנען.
פון ברענענדיקן הויז
אַרוים.
וואָס ווײַטער פון דער פאַרקוילטער שוועל.

דעצעמבער 1965

עלטער־אידיליע

אַ דאַך אויפֿן קאָפּ.
אַ שטראַל אויף דער שויב.
אונטער דער סטרעכע —
דאָס וואָרקען פֿון טויב.

אַ ברויט אויפֿן טיש.
אַ בוך צו דער האַנט.
אַ וואָרט, אַ באַזינטס.
אַ שווײַגן בײַנאַנד.

אַ שטילקייט, וואָס זינגט
אַרײַן אין געמיט.
אַ ניגון — אַן קלאַנג.
אַן ווערטער — אַ ליד.

די שטילקייט זאָל בלויז
אויפטרייסלען אין הויף:
מײַן אייניקלס טריטלעך,
זײַן ריטמיש געלויף.

זײַן פּלאַפּלען אָן זין.
זײַן ווילד שטיפעריַי. —
די שטוב זאָל מיט אים
אַוועק אין געדריי.

אַ טאַנץ טאָן פֿון אָרט
זאָל אַלץ דאָ אין הויז!
אײַנדרימלען זאָל ער
דערנאָך אויף מײַן שויס.

סעפּטעמבער 1969

מײַן אַנדערער איד

מײַן אַנדערער איך —
שטויבט־אָפּ די שיך
פֿון יאַרידישן שטויב
און ווישט־אויס די שויב,
אין געמיט,
מיט אַ ווײַס טיכל.

דאָס גאַווהדיקע איכל,
וואָס קניט פֿאַר זיך אַליין,
פֿאַר זײַן אייגענער קרוין פֿון פּאַפּיר —
לאָזט ער שטיין
אויף יענער זײַט טיר.

אַן אָפּגעשטויבטער,
אַ נישט־באַטויבטער
פֿון טאַדל, אָדער לויב —
זעט ער דורך דער ריינער שויב:

אַ שכן אין גאַס.
אַ בליק אָן האַס.
אַן אויג אָן אַ טרער. —
און נאָך מער:

אויך גאָר די וועלט
קומט אין געצעלט
פֿון מײַן אַנדערן איך —
מיט אויסגעטוענע שיך...

נאָוועמבער 1970

לאַס טאַסקאַס*

דאָ האָט דער וועלט־יאַריד פאַרלוירן זײַן שליטה:
ער האָט זיך פאַרהאַלטן הינטערן געדיכטן סאָסנע־וואַלד,
זיך געשטעלט אויף די שפּיץ־פינגער,
אָנגעשפּיצט די פאַרגלושעטע אויערן —
און מיט אײַנגעהאַלטענעם אָטעם זיך אײַנגעהערט
צום וויכן פאַל פון אַ שישקע אין וואַלד־גראָז.

די פּאַלאַצעטלעך — ריזיקע וואַלדשוואָמען אונטער רויטע שירעמס —
האָבן זייערע פאַרביקע טירן און לאָדנס צוגעמאַכט
און דעם שטאָט־טומל נישט געלאָזט איבער דער שוועל.

די סטעזשקעס האָבן זיך מיט גרינעם גראָז־פּלוש אויסגעבעט,
זוויך געמאַכט די האַרטע טריט פון מענטש —
פון וויך־פאַרהאַרטעוועטן שטאָטמענטש.

— שאַ! —
דאָ איז דער היכל פון רו.
דאָ איז שטענדיק שבת.
דאָ הערט מען בלויז דאָס קול פון זמירות,
געזונגען פון בלויען טײַך מיט זײַנע משוררים —
די ווײַס־באַטליתטע כוואַליעס.

מענטש:
טו־אוים דײַנע שווערע שיך.
וואַש־אָפּ דײַנע מידע פאַרשטויבטע פיס.
וואַרף־אַראָפּ פון זיך דעם שטײַפן קליידער־פּאַנצער.
טוק זיך אונטער אין די בלוי־ווײַסע כוואַליעס.
אַ געריייניקטער פון יאַרידישער וואָך —
זינג הללויה צום אייביקן מעשה־בראשית!

לאַס־טאַסקאַס, מאַרץ 1966

---

* דאַטשע־אָרט אין אורוגווײַ.

גאַנג

כ׳ווייס: אַז גאַנג פאַרוים איז דאָ.
און ס׳האָט יעדער גאַנג זײַן שעה.

שפּאַן איך אײַן די פיס אין גאַנג
און פאַרוים שפּאַנט דאָס געזאַנג.

גיי איך, כאָטש דער וועג איז ווײַט —
ווײַט אין שטח און אין צײַט.

אָפט מאָל — אויסגעבויגן, קרום.
און דער גאַנג — אויך מיט אַ מום.

און דאָס אויג ווערט אָפט, פון ווינט,
מיטן זאַמד פאַרפּראָשעט, בלינד.

גיי איך מיט מײַן פרייד און פּײַן,
ווי דער שאָטן מיט דער שײַן.

ווי דער רויך גייט מיטן פלאַם
און דאָס שוימען — מיטן ים.

כ׳ווייס, אַז יעדער גאַנג פאַרוים
טראָגט אַ צווילינג אום אין שוים:

ס׳האָט דער מדבר אויסגעבריט
משהס און אויך קורחס טריט.

און אין זעלבן גאַנג געזאַלבט —
סײַ אַ גאָט און סײַ אַ קאַלב...

יוני 1958

איך בין צו דער וועלט צוגענאָפּלט

איך בין צו דער וועלט צוגענאָפּלט —
אויף נישט אָפּצוטיילן אונדז מיין;
איך זייג אירע גאַליקע טראָפּנס
און טרינק אויך אַ מאָל פון איר ווייַן.

זי טיילט אייַן מיט מיר אירע גיטער
אויף גלייַכע חלקים אויף צוויי:
אַ טראָפּעלע פרייד — אָפּגעציטערטס —
אין סופלאָזן ים, ווינד־און־ווי.

בין איך צו דער וועלט צוגעבונדן —
אויף נישט צו צערייסן דעם באַנד:
עס בינדט איין באַנדאַזש אונדז די ווונדן —
אירע מיט מייַנע באַנאַנד.

ווונדן פון אייביקע שלאַכטן,
אין גאַנג נאָכן בלענד פון אַ שייַן!
גענערטע מיט מן — אויסגעדאַכטן,
מיט וואַסער — געצאַפּט פון אַ שטיין...

פעברואַר 1964

דאָס ברייטעלע

דער טאַטע האָט אַ ברייטעלע
אין שטוב אַרייַן געבראַכט:
איינס נאָר איז דאָס ברייטעלע
און מייַלעכלעך אַ סך.

טיילט די מאַמע ס׳ברייטעלע —
פאַרגעסט אין קיינעם נישט:
איינעם גיט זי ס׳רעפטעלע,
דעם צווייטן פון דער מיט.

פאַרן סאַמע פיצעלע,
וואָס האָט נאָך נישט קיין ציין —
איז געננג פון ברייטעלע
די סקאָרינקע אַליין...

אַזוי־אָ האָט דאָס ברייטעלע
די מאַמע אייַנגעטיילט —
קנאַקן אַלע ציינדעלעך
און טאַנצן אַזש פאַר פרייד.

קנאַקן אַלע ציינדעלעך,
נאָר: כאַ־כאַ־כאַ! — ווי שיין:
ס׳האָט די גוטע מאַמעניו
פאַרגעסן — — — זיך אַליין...

DOS BROYTELE

Words by
S. WASSERMAN

Music Adapted by
SIDOR BELARSKY

Moderato




s'ref - te - le a tsvey - tn fun der mit.
Un fa - rn sa - me
ppp
pi - tse - le vos hot nokh nit keyn tseyn, iz ge - nug fun
broy - te - le di sko - rin - ke a - leyn. Un a - zoy hot di


ma - me dos broy - te - le tse - teylt, Kna - kn a - le
tseyn - de - lekh, zey tan - tsn azh far freyd.
al Fine
1.
rall.
D.S. al Fine
Tsum
Fine
2.
Iz dos broy - te - le nor eyns, Un may - ler ze - nen akht.

ר׳ מענדעלע

אונדזער זיידן מענדעלע
האָבן אַלע גוט געקענט:
מיט זײַן בידנער קליאַטשע, נעבעך,
פלעגט ער אויספאָרן די וועלט.

ווי אַ שטאָט, אַ שטעטעלע —
איז דער זיידע דאָרט געווען!
און דעם זיידנס קלוגע אויגן
האָבן אַלץ און קלאָר געזען.

און געזען אַזוי פיל רשעות
האָט דער זיידע אויף דער ערד!
און דערפאַר געשאַרפט זײַן פעדער,
ווי אַ קריגער שאַרפט זײַן שווערד.

כאָטש געווען איז ער פאַרליבט גאָר
אין באַשאַפערס שיינער וועלט:
אין דעם תפילה־שעפטש פון וועלדל,
אין דעם גרעזעלע אין פעלד.

אין דעם סאָלאָוויים חזנות
וואָס צעגייט אין יעדער גליד. —
אָבער אויף קאַבצאַנסקער מיסטן
האָט נאָר קראָפּעווע געבליט.

נאָר תקיפים און בעל־טאַקסעס;
פאַלשע פאַסטעכער און שאָף. —
און דערפאַר געמאַכט זײַן פעדער
פאַר אַ שאַרפער שווערד פון שטראָף.

גנשפּאָלטן דעם הימל

אין 50סטן יאָרצײַט פון י. ל. פּרץ

פון אַ נעסט אונטער אַ שינדל־סטרעכע
האָט זיך אַן אָדלער אויסגעפּיקט.
זײַן מעכטיקער פליגל־פּאַך
האָט די פאַרגליווערטע שטעטלשע לופט צעטרייסלט,
דעם הימל געשפּאָלטן
און דעם נס פון דער ייִדישער ליטעראַטור באַוויזן.
דאָס שטעטל האָט דעם קאָפּ פאַרריסן
צו זײַן ווערטיקאַלן פלי
און זיך אַנטציקט:
אַזוי הויך! —
נאָר באַלד זיך די אויגן פון זונבלענד
פאַרשטעלט...
דאָס שטעטל האָט דעם זיגזאַג־פּאַך פון קראָ געקענט;
דעם שוליאַקס אַנפלי אויף אַ הינער־טשאַטע;
דעם שוועלבעלעס האָריזאָנטאַלן געפלאַטער;
דאָס ריטמישע קרײַזן פון טויב איבער דעכער;
אָבער „נאָך העכער" —
איז איבער שטעטלשע השגות.
און דער אָדלער האָט זיך געטראָגן —
די פליגל צעלאָזט —
פון השכלה־פראָסט —
צום פלאַם פון חסידות;
פון זשאַרגאָן —
צום באַרגשפּיץ — ייִדיש;
פון „אַ בולקע מיט פּוטער"־עולם הבא —
צום אייביקן שבת;
פון „קעלער־שטוב" —
צו די „צוויי בערג";
פון שטעטל —
צו דער וועלט.

שלום עליכם

שלום עליכם — ווער קען אים דען ניט?
— געווען צווישן ייִדן, „אַ פּשוטער ייִד".

פּשוט אויף ייִדיש געשריבן, גערעדט.
ס'האָט יעדער וואָרט זײַנס בײַם האַרצן געגלעט.

ס'האָט יעדע מעשה אונדז פרײלעך געמאַכט. —
האָט מען די מעשיות געלייענט און געלאַכט.

האָבן די פרײלעכע מעשיות געהערט:
טאַטעס מיט לאַנגע, פאַרקאָלטנטע בערד.

מאַמעס פאַרדאַגהטע, דינסטן אין קיך
און שוסטער-געזעלן בײַם פלעקלען די שיך.

און ס'האָבן זיך קינדישע אויגן צעשײַנט —
בײַם הערן די מעשיות — און שײַנען נאָך הײַנט.

און וועלן אין ליכטיקן מאָרגן, נאָך מער,
שײַנען מיט לויטערער פרייד, אָן אַ טרער...

זאָל מײַן בלוט אויך זוכה זײַן!

איך טרינק־אויס הײַנט ביזן דנאָ מײַן פולן בעכער ווײ!
כ׳וויל אים מיט קיין טראָפּן טרייסט אַפילו נישט פאַרזיסן.
זאָל דער ווײ ווי טעמפּע מעסערס טרײַבערן מײַן לײַב!
זאָל מײַן בלוט אויך זוכה זײַן מיט אײַער בלוט זיך מישן!

מײַן בלוט — מײַן טראָפּן זינדיק בלוט — וואָס האָט זיך פאַרשפּעטיקט
אין אײַער ים קדושים־בלוט אויסגעלייזט צו ווערן —
וועט שוין ביזן לעצטן גליוועך, ביז מײַן לעצטן אָטעם,
מיט די קרעמאַטאָריע־גאַזן סמען די גערערעם.

ס׳איז מײַן האַרץ דאָס לעבעדיקע — אויב דאָס איז גאָר לעבן —
אַ זעקס־מיליאָניקער בית־עולם, אַ לעבעדיקע נישע;
וועל איך די משפּחה־נישע — דעם זעקס מיליאָנען־קבר —
אויך נאָך פאַר די קינדער מײַנע לאָזן אַ ירושה...

אויב ס׳איז איינער כאָטש פון הונדערט, אָדער גאָר פון טויזנט,
פון טרעבלינקע, צי אַשוויענצים, גאַנץ אַרויסגעקומען —
וועט קיין איינער נישט, וואָס טראָגט טרעבלינקע אין זײַן האַרצן,
קיין מאָל אין זײַן זינדיק לעבן שוין פון דאָרט אַנטרינען.

טרינק איך אויס שוין ביזן דנאָ מײַן פולן בעכער ווײ!
כ׳וויל אים מיט קיין טראָפּן טרייסט אַפילו נישט פאַרזיסן.
זאָל דער ווײ ווי טעמפּע מעסערס טרײַבערן מײַן לײַב!
זאָל מײַן בלוט אויך זוכה זײַן מיט אײַער בלוט זיך מישן!

26סטער מײַ, 1965

מײַן דערוואָרגן געשריי

צום 22סטן יאָרצײַט פֿון
וואַרשעווער געטאָ־אױפֿשטאַנד

מײַן צונג איז געליימט. —
זעקס מיליאָן מאָל געליימט!
מײַן קול איז דערוואָרגן!
װעל איך מײַן זעקס־מיליאָניקן בראָך אױסשטומען!
אױסשטומען, װי עס שטומט אַ בית־עולם;
װי עס שטומט די ערד — דער זעקס־מיליאָניקער קבר;
װי עס שטומען די קופּעס אַש;
װי עס שטומט דער „יודן־זייף״;
װי עס שטומען די געטאָ־חורבות —
אַ װיסט שרײַענדיק שטומעניש!

צו־גרױס דער װײ — צו־קלײן דאָס װאָרט!
אַפֿילו ירמיהו — דער גרעסטער חורבן־באַקלאָגער —
װאָלט אונדזער איכה אױסגעשטומט;
ס'װאָלט דוד זײַנע פֿידל־סטרונעס צעריסן;
ס'װאָלט כּבֿיכול אַלײן זײַנע אַלץ־זעענדיקע אױגן פֿאַרשטעלט;
זײַנע אַלץ־הערנדיקע אױערן פֿאַרשטאָפּט —
און פֿאַרגאַנגען אין אײביקן שװײַגן!
אַ שװײַגן, װאָס װאָלט זײַנע זיבן הימלען אױף שערבעלעך צעבראָכן.

מײַן צונג איז געליימט! —
זעקס מיליאָן מאָל געליימט!
מײַן קול איז דערוואָרגן! —
בלױז מײַן פֿאַרפּײַניקט האַרץ —
די נישע פֿון זעקס־מיליאָניקן אַש —
שרײַט־אױס אַ שטום דערװאָרגן זעקס־מיליאָניק געשריי!

אויסגעמעקט וועט זיין דיַין נאָמען!

געשריבן אין דער וואָך נאָכן טאָן געדעכטיקייט
צום אייבער־תליון אייכמאַן.

נישט קיין תליון האָט דעם שטריק אויף דיַין האַלדז פֿאַרצויגן;
נישטאָ קיין תליונים ביַי אַ פֿאָלק פֿון קדושים!
דיַין סמיקן אָטעם האָבן פֿאַרשטיקט דיַינע גאַזן;
און פֿאַראַשט האָט דיך דיַין פֿלאָם פֿון טרעבלינקע און אוישוויץ.

נאָר דאָס אַש פֿון דיַין פּגירה דער ים וועט נישט פֿאַרשלינגען:
ס'האָט אַמאָל אַזאַ נבילה דער ים שוין אויסגעשפּיגן.
און מיט ברייטקייט אויפֿגעפֿראַלט זיַינע כוואַליע־טויערן
פֿאַר די טריט פֿון אונדזער זיג — צו אייביק ניַיע זיגן...

ס'האָבן אויך די פֿיש אין ים געגעבן זיך אַ שבועה:
מיט דיַין פֿאַדלע־אַש זייער הונגער נישט צו שטילן;
ס'וואָלט אַ וואָרעם אין דער ערד — דאָס נישטיקסטע פֿון ברואים —
זיך צו דיַין פֿאַרשטונקען ליַיב נישט צוגערירט אַפֿילו.

און די ערד די הייליקע, די ערד פֿון די נביאים,
די ערד, וואָס האָט שוין לאַנג „לא תרצח" פֿאַר דעם מענטש געהייליקט,
וואָלט פֿון עצמון־שפּיץ ביז עמק אין פֿיבער אויפֿגעציטערט
און מיט עקל אויסגעשפּיגן וואָלט זי דיַין נבילה.

ס'וועט די ערד, דער ים, דער רוים דיַין אַש אין זיך נישט האַלטן:
ס'איז די ערד געהייליקט מיטן אַש פֿון די קדושים;
ס'איז דער ים אַ קידוש־בעכער מיט בלוט פֿון די קרבנות
און דער רוים איז אָנגעזאַפּט מיט קרעכצן פֿון די גוססים.

ס'איז אין גאַנצן זונען־מלכות פֿאַר דיר קיין אָרט פֿאַראַנען!
אויסגעמעקט וועט זיַין דיַין נאָמען פֿון די מענטשן־נעמען;
ס'וועט דער טיגער קעגן דיר מיט מענטשלעכקייט זיך גרויסן;
מיט דיַין נאָמען וועט די שלאַנג די גיפֿטיקסטע זיך שעמען!

בחירה

אײן מינוט בלויז פֿאַר מײַן קומען,
דאָ, אויף אונדזער בידנער ערד,
האָט דער גוטער קינדער־מלאך
מיט אַ שמייכל מיר דערקלערט:

קענסט דיר — זאָגט דער מלאך — נעמען
פֿונעם הימל אַ געשאַנק,
נאָר האָסט אײן מינוט צו קלײַבן,
לויט דײַן ווילן און פֿאַרלאַנג.

און ער ווײַזט מיר אָן עשירות —
אָנגעגרייט פֿאַר מיר — דעם בחיר:
גאָלד, בריליאַנטן, דימענטשטיינער —
און נאָך אוצרות אָן אַ שיעור.

נעמט מיר שווינדלען פֿאַר די אויגן
פֿון די אוצרות אָן אַ סוף. —
וואָס זשע איז דאָס, גוטער מלאך:
אַ מתּנה, צי אַ שטראָף?

ס׳איז דאָך נישט פֿאַר מײַנע כּוחות —
מלאך הימלישער — אַ דאַנק!
קליינע זענען מײַנע הענטלעך
און צו־גרויס איז דײַן געשאַנק.

בלויז אויף ציילן דאָס עשירות
וואָלט דער טאָג מיר נישט געקלעקט. —
פֿעלן אויף דער ערד דען אייזלען
פֿאַר דעם שווערן גאָלד־געפּעק?

און איך בעט זיך ביַי דעם מלאך:
אויב איך האָב דיַין גאָב פאַרדינט —
שענק מיר אַ געשאַנק, וואָס וועגט נישט,
וואָס די ציַיט פאַרזשאַווערט נישט.

און דער גוטער קינדער־מלאך
טוט די פליגל אַ צעפאָך,
מילד, ווי איבער בלומען־בייטן
פון אַ ווינטעלע — דער שאָרך.

מיטן לינקן פליגל זיַינעם
דעקט ער צו דאָס גינגאָלד גליַיך,
מיטן רעכטן מלאך־פליגל —
רירט ער אָן דאָס האַרץ מיַינס ליַיכט.

און אין האַרץ גייט־אויף אַ ניגון —
צאַרט, ווי נאָר אַ קינדס אַ קוש;
ווי אַ גלעט פון פוכקע הענטל
אויף דער מאַמעס ווייכער ברוסט.

הייב איך אויף דעם בליק צום מלאך —
פול שוין מיט מיַין ערשטער טרער:
מלאך גוטער, די מתנה
וועט פאַר מיר נישט זיַין צו־שווער...

און עס שמייכלט קלוג דער מלאך,
לייגט די פליגל איַין באַרוט
גליַיך האָט אויך דער הימל־זייגער
אויסגעשלאָגן די מינוט.

פאַרענדיקט — אָקטאָבער 1971

אַברהמל דער קלעזמער

כאָר:

ס׳איז געווען אַ שטעטעלע,
אַ פּיצעלע, אַ שרעטעלע:
געסעלעך קרומע,
הײַזעלעך לאָמע,
פּיצעלעך פענצטער, די דעכלעך פון שטרוי;
געלעבט האָט אין פרידן דער ייִד מיטן גוי. —
ווער פון מלאכה און ווער פון אַ קרעמל —
און צווישן זיי אַלע, דער קלעזמער אַברהמל.

סאָלאָ:

אַ קלעזמער, ווי אַלע, אַ פּשוטער ייִדל.
אָבער אַ פידל — שוין איין מאָל אַ פידל —
איז בײַ אַברהמל דעם קלעזמער געווען!
ווער ס׳האָט אים שפּילן געהערט און געזען,
פלעגט זיך גאָר זאָט אויסלויבן נישט קענען:
ס׳פלעגן די אויגן בײַ אים זיך צעברענען,
ס׳פלעגן די סטרונעס בײַם האַרצן אַזש גלעטן;
מען פלעגט אים אויף פּריצישע חתונות בעטן!...

כאָר:

איין מאָל: געווען איז אַ זומער אַ הייסער.
געגאַנגען זיך שלאָגן איז דעמאָלט דער קייסער. —
צי מיטן טערק, צי מיטן קיטײַ —
נאָר ווען מען שלאָגט — אַז אָך און אַז וויי!...
שלאָגט זיך דער קייסער — אַ דאגה מיט וועמען —
הייבט מען אין שטעטל אָן זעלנער צו נעמען.
נעמט מען אַברהמלען אַוועק אין מלחמה —
עס בלײַבן אין שטעטל נאָר אַלטע און לאָמע.

זיפּצט מען אין שטעטל, מען וויינט און מען קלאָגט. —
אַברהמל האָט אָבער אַ פידל פאַרמאָגט,
נעמט ער דאָס פידל אין זעקל אַרײַן.

סאָלאָ־דעקלאַמאַציע:

צעלאַכט זיך דאָס שטעטל אין מיטן געוויין.

כאָר־דעקלאַמאַציע:

וואָס װעט אַברהמל דאָרט טאָן מיט זײַן פידל? —
שפּילן אויף טערקיש די טערקן אַ לידל? —
לאַכט מען אין שטעטל, אַז ווי צו דעם לאַכן,
ס׳ליגן אין קאָפּ נאָך אַזעלכע זאַכן!

כאָר:

אַוועק איז אַברהמל — פאַרפאַלן געוואָרן. —
קיין באַן נישט געווען אַמאָלסטיקע יאָרן,
פלעגן די זעלנערס נאָכגיין גאָר צו פוס,
באַלאָדן, באַהאָנגען מיט ביקס און מיט שפּיז.
די שמיץ פון דעם עלטסטנס נאַגײַקע איז שאַרף —
דאָך איז מען געקומען אַהין, ווו מען דאַרף:
נאָענט פון טערק, צי גאָר פון קיטײַ;
די ביקסן שוין גרייט אָנגעלאָדן מיט בלײַ,
פערד אָנגעזאָטלט, זיי שטייען שוין גרייט,
ס׳ציט שוין דער עלטסטער די שווערד פון דער שייד.
וואַרט מען נאָך בלויז אויפן לעצטן באַפעל.
שווידערט דאָס לײַב אינעם גרויען שינעל.

סאָלאָ:

געזעגנט אין האַרצן יעדער זײַן היים,
זײַן װײַב און זײַן קינד, דאָס שטיבל פון ליים.

דועט:

די אייגענע היים איז ליב יעדן איינעם. —
אַברהמל דער קלעזמער, ער האָט אָבער קיינעם.

כאָר:

ער האָט נישט קיין קינד און ער האָט נישט קיין װײַב.
ער האָט נאָר אַ זעלנעריש העמד אויפן לײַב,
אַ פידל, אַ סמיטשיק און גאָרנישט ניט מיין.
פילט ער, אין האַרצן עס דריקט ווי אַ שטיין.
ס׳נאָגט אים אין האַרצן, ער האַלט עס נישט אויס —
נעמט ער די פידל פון זעקל אַרויס.

סאָלאָ:

אַ צי מיטן סמיטשיק אַהער און אַהין. —
צעוויינט זיך די פידל דין, אַזוי דין,
נישט ווי קיין פידל — נאָר קינדער־געוויין.
אַזוי קענען וויינען נאָר קינדער אַליין...
לאָזט דאָס געוויין אַלץ ווייטער זיך הערן —
הייבט אָן דער הימל אויך גיסן מיט טרערן.

אַלטאָס:

ליגן די זעלנערס און הערן זיך איין:
ווי קומט דאָ אַהער אַ קינדער־געוויין?
אַ יאָמער־געוויין, ווי פון אייגענעם קינד,
צי ברענגט פון דער היים אַ גרוס זיי דער ווינט?

כאָר:

ווי נאָר זיי האָבן דערהערט דאָס געוויין,
צעברעכט יעדער זעלנער זיין שפיז אין אַ שטיין.
לאָזט ער דעם פולווער אַוועק מיטן ווינט —
און לאָזט זיך אַהיים צו ווייב און צו קינד.

און זעלנער מיט זעלנער און שונא מיט פריינט —
האָבן געקושט זיך, געלאַכט און געוויינט.
געהוליעט צוזאַמען, זיך לוסטיק געפילט —
ערשט איצט האָט אַברהמל אַ פריילעכס געשפילט.

פאַרן לייענער, מוזיקער און זינגער:

דער באַקאַנטער ניו־יאָרקער מוזיקער, **מיכל געלבאַרט** ע״ה, האָט, אין אַ געשפרעך מיט מיר זיך אויסגעדריקט, אַז זיין מחיקאַלישע אָראַטאָריע צו מיין פּאָעמע „אַברהמל דער קלעזמער״, וואָס מיר פאַרעפנטלעכן דאָ, איז זיין **לעבנס־ווערק**.

ער האָט די דאָזיקע פּאָעמע אויפגעפירט, צום ערשטן מאָל, צום 20סטן יובילײ פון די „אַרבעטער־רינג־שולן״ אין ניו־יאָרק, וווּ ער איז געווען דער מוזיק־לערער, מיט 400 זינגערס און 60 אינסטרומענטן.

שפּעטער איז זי אויך אויפגעפירט געוואָרן אין אַנדערע שטעט פון די פאַראייניקטע שטאַטן און אין קאַנאַדע.

צוליב מוזיקאַלישע און טעכנישע טעמים, זענען טייל שורות פון דער פּאָעמע געענדערט געוואָרן.

שניאור וואַסערמאַן

Werter
S. Wasserman

[illegible]

[illegible]

Muzik:
Michl Gelbart




Marcato
cresc...
rit....


andante
Solo
p




C.
altos


D.
cresc...




Solo-Deklamatzie
choz-Dekl.
E.
L.H.


F.
La Marcia


G.


rit...
andante
H.
Solo


Duet
Mod.


Altos
Sopranos
I.
Solo






maestoso
chor




Briliante

כאָסע הערנאַנדעז

מאַרטין פיעראָ

פון שפּאַניש: שניאור וואַסערמאַן

— 1 —

דאָ נעם איך זינגען אַ געזאַנג
צו דעם טאַקט פון מײַן גיטאַרע;
אַלץ, וואָס כ'האָב אין פּײַן דערפאַרן,
וועל איך אין געזאַנג אויסקלאָגן;
און געטרייסט זײַן פון די פּלאָגן,
ווי אַ פויגל אין זײַן וואָגל...

— 2 —

כ'בעט די הייליקע אין הימל
זאָלן העלפן מיר אין דענקען,
ווען איך נעם אין די מאָמענטן
מײַנע לעבנסטעג אויפמישן;
זאָלן מײַן געדאַנק אָפּפרישן,
מיט זכרון מיך באַשענקען.

— 3 —

קומט איר הייליקע בעלי-מופתים,
ברענגט מיר ווערטער אויף די ליפּן,
זאָל מײַן צונג זיך נישט פאַרקניפּן,
נישט פאַרטונקלען מײַנע אויגן;
כ'בעט מײַן גאָט זאָל זיך צונויגן
און מײַן שווערן וועג באַגליקן...

— 4 —

כ'האָב געזען שוין וויפל זינגערס,
גרוים איז זייער שם געוואָרן,

נאָר זיי האָבן אים פאַרלאָרן,
ווען זיי האָבן אים באַקומען:
בלאַנדזשענדיק אויף וועגן קרומע
און געבליבן נישט דערפאָרן...

— 5 —

די טריט פון אנדערע קריאַזשעס
וועט אויך מאַרטין פיערא דעקן,
ס'וועט קיין שד אים נישט אָפּשרעקן,
גאָר נישט וועט אים נישט איינמידן;
און ווו אַלע זינגען לידער,
וויל איך אויך מיַין ליד אַנטפּלעקן.

— 6 —

מען וועט מיך אין טאָג אין לעצטן,
זינגענדיק אין קבר לייגן,
מיט געזאַנג וועל איך אויפשטיַיגן
צום בית־דין אין פאָטערס הויז,
וויַיל נאָך פון מיַין מוטערס שויס,
בין איך מיט געזאַנג אַרויס.

— 7 —

זאָל ביַי מיר די צונג נישט שטאַמלען,
נישט דאָס וואָרט אין צוואַנג מיך האַלטן;
נעם איך זיך מיַין רום געשטאַלטן,
מיט געזאַנג פון מיַינע לעפצן,
וועט איר זינגענדיק מיך טרעפן,
ווען עס זאָל די ערד זיך שפּאַלטן.

— 8 —

כ'בין נישט קיינעם הינטערשטעליק,
ווען איך זינג פון מיַין געמיט נאָר,
נעמען גראָזן אין איין ציטער,
ווי אין שטורעמווינט זיך ביקן;
ווי מיט אייכלס, שעלס און פּיקן,
שפּילט מיַין טרוים זיך אַ געניטער.

— 9 —

כ׳בין נישט קיין קענער אין דער שריפט,
אָבער זינגען האָב איך גערן;
כ׳האָב נישט ווען גאָר אויפצוהערן.
כ׳וועל זינגענדיק מײַן עלטער גריסן:
מײַנע סטראָפן וועלן פליסן,
ווי אַ וואַסערפאַל זיך מערן.

— 10 —

מיט דער גיטאַרע אין דער האַנט,
וועט קיין פליג אויך נישט גענענען,
קיינער וועט מיך נישט פאַרשעמען;
ווען עס איז מײַן הארץ צעברומט,
זיפצן מײַנע סטרונעס שטום,
וויינען זיי מיט שטומע טענער.

— 11 —

כ׳בין דער ערשטער אין מײַן קאַנט
און באַרימט אויך אין די ווײַטן;
קיינער וועט מיך נישט באַשטרײַטן, —
ווער עס גלייבט נישט, זאָל צום בעסטן,
מיט מײַן זינגען זיך פאַרמעסטן
און באַווײַזן עס פאַר לײַטן.

— 12 —

כ׳גיי נישט בײַ דער זײַט פון וועג,
ווי מען זאָל אין מיר נישט שטויסן;
כ׳בין מיט גרויסע — אויך אין גרויסן,
מיט באַשיידענע — באַשיידן,
נאָר מען וועט מיך נישט באַריידן,
אַז איך בלײַב ווען שטיין פון דרויסן...

— 13 —

אין געפאַר ווערט מיר, אַ קריסטוס!
גאָר מײַן האַרץ מיט מוט געכפלט,
ס׳ווערט די גאַנצע ערד מײַן שטרײַטפעלד,

ווּ מען וועט מיך נישט באַזיגן;
ווער עס האַלט זיך פאַר אַ קריגער;
זאָל זיך פּרוּוון מיך אָנגרײַפן.

— 14 —

כ׳בין אַ גאַוטש, ווי איר ווייסט עס
און איר זאָלט עס מיך פאַרשטיין:
ס׳איז פאַר מיר די ערד צו קליין,
פאַר מײַן שנעלן רײַטער־ריטעם;
ס׳האָט אויף מיר די שלאַנג קיין שליטה,
נישט די זון, די אָנגעגליטע.

דער זין פון געזאַנג

(פראַגמענט פון „מאַרטין פיעראָ")

כ׳האָב פיל זינגערס שוין געהערט
און זיי זינגען — שיין צו הערן;
נאָר זיי האָבן פײַנט צו קלערן,
האָבן זיך בלויז שפּילן גערן. —
און דער זין פון מײַן געזאַנג
איז די שיינקייט מיט געדאַנק.

ווען איך גיי אויף אָט די וועגן
מיט אַ לויטערן געוויסן,
כאָטש עס איז נישט גרויס מײַן וויסן,
וועט מײַן ליד זיך איבערגיסן
אין דעם האַרצן פון דעם מענטש —
אויב ער איז מיט האַרץ געבענטשט...

וואָס מײַן פענדזל וועט אויסמאָלן,
וועט די צײַט שוין נישט אויסמעקן,
קיינעם וועט קיין מוט נישט קלעקן
מיר דאָס מאָלן צו פאַרפלעקן,
ווײַל עס מאָלט נישט ווער עס וויל,
נאָר ווער ס׳קען און האָט געפיל.

גלייבט עס אויך נישט איר, צוהערערס,
אַז איך קום זיך דאָ אויסרימען;
כאָטש איך האָב עס שפּעט באַנומען,
דאָך — חרטה נישט באַקומען —
אַז דעם אמת ווער עס דינט,
דער באַגייט אַ האַרבע זינד...

נאָר איך גיי מיר מײַנע וועגן,
קיינער וועט זיי נישט פאַרדרייען;
איך וועל בלויז דעם אמת זייען
און קיין חניפה קיינעם ברייען;
ס'איז די חניפה מיטן וואָר —
קיין מאָל נישט קיין גליקלעך פּאָר...

איבערגעזעצט אין 1957

בוך און יובל־קאָמיטעט

אַרויסצוגעבן דאָס בוך לידער „פון מײַן לייב און לעבן״
פון דיכטער שניאור וואַסערמאַן און פײַערן זײַן
70סטן געבוירנטאָג.

פּאַטראָניזירט פון קולטור־צענטער „רינגעלבלום־וואַרשע״, „זרובבל־צענטער״
און פאַרבאַנד בעלעם־רײַוועץ און אומגעגנט.

פּ ר ע ז י ד י ו ם :

אַברהם זאַק — **פאַרזיצער**
יעקב קרייצער — **וויצע־פאַרזיצער**
בצלאל זאַלצמאַן — **סעקרעטאַר**
מאיר דרעקסלער — **פראָ־סעקרעטאַר**
יואל טרייבאַטש — **פראָטאָקאָל־סעקר׳**
יוסף ניסעלבוים — **קאַסיר**
לייבל בירענצווײַג — **פראָ־קאַסיר**

װ א ק א ל ן :

בצלאל קאַרצאַרזש
גדליה טענענבוים
חייטשע זאַלצענשטיין
שלמה קריסטאַל
חנא יערוזאַלימסקי
שרה געלפאַנד
נתן זשעלאַני
מנשה וואַסערמאַן
מאַניע בירענצווײַג
רחל מאַליסעוויטש
אסתר פינקעלשטיין
מאַגעס צעדערבוים
מאַרקאָס שולקלאַפּער
ישראל שטערן
יידל גאָלדפאַרב
יחזקאל מילשטיין
יהודה אַשלאַק
פרידאַ ניסעלבוים
רחל צעמבאַל
ראָסאַ מאַרדיקס
ראָסאַ מאַנקאָווסקי
שלמה אימאַר
דוד האָכמאַן
מלכה וורצלאַוו־סמאָליאַזש
קלמן רייספעלד
אַברהם פינקלשטיין
שמואל מאַנטשניק

ביכער פון זעלביקן מחבר:

קינד און קייט — — — 1936
שוועלבעלעך — — — — 1938
דאָבעלע — — — — — — 1940
ליד און לעבן — — — — — 1951
צום מענטש — — — — — — 1962
פון מײַן לייב און לעבן — 1972

אַ שיינעם דאַנק!

ווי אַלע מאָל — און אפשר מער פון אַלע מאָל, ביים אַרויסגעבן מיינס אַ בוך — איז דער איצטיקער קאָמיטעט אַרויסצוגעבן דאָס דאָזיקע בוך, וואָס ווערט אונטערגעטראָגן דעם לייענער (און ס׳ווילט זיך גלייבן, אַז אַזאַ איז נאָך פאַראַן) און אָפּצוצייכענען מיין 70סטן זונקריי — געווען פלייסיק און אַרויסגעוויזן קולטור־באַציִונג.

זאָלן די דאָזיקע שורות אויסדריקן מיין אָנערקענונג און דאַנק פאַר אָט דער באַציִונג און פאַרן שנעלן רעאַליזירן דאָס אַרויסגעבן מיין בוך.

דאָס דאָזיקע בוך, טראָגט נישט צופעליק דעם נאָמען **„פון מיין לייב און לעבן“**. ס׳איז אַן אָפּקלייב פון מיינע לידער, אין וועלכע עס זענען קענטיק די צייכנס פון מיין גאַנץ לייב־און־לעבן אין די לעצטע, כמעט, 40 יאָר, שוין אָפּגערעדט פון די לעצטע 10 יאָר זינט ס׳איז דערשינען מיין 5טער בוך „צום מענטש“.

מיין ערשט בוך „קינד און קייט“ איז דערשינען אין 1936. דאָס איצטיקע בוך איז דאָס 6טע אין אָט די 36 יאָר.

זאָג איך דאָ מיין שיינעם דאַנק דעם בוך־ און יובל־קאָמיטעט. און כאָטש איך האַלט נישט פון דערמאָנען נעמען, וויל איך דאָ, ווי ביי יעדער כלל, מאַכן אַן אויסנאַם און דערמאָנען 3 נעמען.

אין דער ערשטער ריי — דעם למד־וואָווניק — חבר **יעקב קרייצער**, דעם שטילן, באַשיידענעם מענטש, וועלכער האָט הנאה פון צווייטנס הנאה. זאָל דאָ דערמאָנט ווערן מיט דאַנק דער קינסטלער, חבר **גדליה טענענבוים**, פאַר זיין וואַרעמער באַציִונג צו באַשיינען מיין בוך, פאַרן צייכענען דאָס שער־בלאַט צום בוך און פון די נעמען צו די אָפּטיילונגען. די אַנדערע צייכענונגען צו טייל קינדער־לידער זענען געווען פאַרעפנטלעכט אין קינדער־זשורנאַל **„שלום“** צו די זעלביקע לידער מיינע, וואָס זענען דאָרט געדרוקט געוואָרן.

און צום סוף — אַן אומבאַשיידנקייט: איך וואָלט זיך נאָך אפשר לאַנג געוואַקלט, (און דאָס קען מיינען — צו־לאַנג...), אַרויסצוגעבן דאָס דאָזיקע בוך, אין דער שקיעה־שעה פאַר דער יידישער יידיש־ליטעראַטור און אוודאי — פאַרן יידישן ליד, ווען נישט מיין פרוי **חנ׳קע**, וואָס האָט געשטאַרקט מיין ווילן דערצו.

ביים שליסן דאָס בוך זאָג איך דעריבער צו די אַלע מיט צופרידנקייט, אַ שיינעם דאַנק. מיין אָנערקענונג, קודם־כל, פאַר דעם קולטור־צענטער „רינגעלבלום־וואַרשע“, וועלכער האָט געשאַפן די איניציאַטיוו און אָפּגעטאָן דעם גרעסטן טייל אַרבעט אויף צו רעאַליזירן זי. אַ שיינעם דאַנק מיין לאַנדסמאַנשאַפט, כעלעם־ריִוועץ און אומגעגנט, ווי אויך מיין אידעאָלאָגישער גרופע „זרובבל“, פאַר זייער אָנטייל אין דער אַרבעט אַרויסצוגעבן דאָס בוך.

דער מחבר

אינהאַלט:

יעקב גלאַטשטיין — וועגן דער פּאָעמע „וואָרצלען“ — 7

וואָרצלען

פון מײַן לײַב און לעבן — 11
וואָרצלען — 13-51

כנרת

כנרת — 55
דאָ וועלן מיר שבת האַלטן — 56
פינף אותיות — 57
דאָס וואָרט פון פײַער — 58
נישט קיין נס — 59

נאָך דיינע טריט

נאָך דײַנע טריט — 63
דו — 64
אונטער דײַנע הייסע בליקן — 65
פאַרצווייט — 66
שפּעט־פרילינג — 67
פון געמיט — 68
באַשיידענע פאַרלאַנגען — 69
היים־גלות — 70
באַשנייטע האָר — 71
שיין ווי די וועלט — 75
אַליין אין אַ שלאָפלאָזער נאַכט — 74
ווי גוט! — 75
ווען? — 76
דיאַלאָג מיט האַרץ — 77
בלויז די בענקשאַפט — 78
פאַרנאַכט — 79
ביסט געקומען און אַוועק — 80
די טיר צו זיך — 81
טו אָן אויף דײַן האַרץ אַ קייט — 82
אַליין אויף רוישיקע גאַסן — 83
דאָס קישן פרירט — 84
ס'איז מעגלעך... — 85
איך פאַרזינג מײַן געוויין — 86
איך— מיר — 87
סטרונע און קלאַנג — 88
צו אַראָפּגעלאָזטע אויגן — 89
איין וואָך אָן דיר — 90
דאָ! — 91
אָפּגענאַפּלט — 92
גליק! — 93

זיי־דע

זיי־דע — 97
וונדערשפּראַך — 98
און דערציילן מעשיות שיינע... — 99
ווער איז בעסער? — 101
מײַן זיידנס מעשיות — 102
וועגן גאַרנישט... — 104
זעליג־וואָלף און פּיווועלע — 105
ווײַל אַ באָבע איז אַזוי — 107
אַ נײַע באָבע־מעשה — 109
קלוג זענען ביכער — 110
פאַרט אַ באַן — 112
יונגע בויערס — 114
קינדערלאַנד — וונדערלאַנד — 116
ימים־טובים — 117
אַ ראש השנה־מתנה — 118
אַ גוטן ראש־השנה — 119
אונדזער אַלטע סוכה — 120

דער גרינער יום־טוב — 122
אזוי וועט מיט אַלע המנס
געשען! — 123
אַ פאַלק אָן קייטן — 126
פּאַפּוגײַ־לשון — 128
דעם העלפאַנטס נאָז — 131
פּאַר וואָס דער זשיראַף קען נישט
ריידן — 134
דאָס אייזעלע קען ניט שרײַבן — 137
אַ קו — אַ מאַמע — 138
יעדער מיט זײַן חן — 140
בייגל־בעקער — 142
דרײַ קינדער — 144
די זון לאַכט און לאַכט — 145
אַן אָפענע וועלט — 146
פרילינג־מתנות — 147
וואָס טוט די זון — 148
דער ווינטער איז אַנטלאָפן — 150
טאַנצט אַ רעגן — 152
זעט נאָר, זעט! — 153
זיבן גענדזלעך — 154
ווער איז דער גרעסטער? — 156
דער היישעריק — 157
ביז די שטערן — 158
פאַרזאַמט האָט זיך דער רעגן — 159
אַלטער, קאַלטער פעטער — 161
אַ כעלעמער זון — 162
אַ כעלעמער מעשה — 163
טראַפּנס זון — 165
ערשט גערעגנט — 166
אַ טרוקענע כמאַרע — 167
איך בין אויך אַ מאַמע — 169
עס קען שוין וויינען — 169
צוויי און פיר — 170
מײַן ליאַלקע — 170
סטאָליאַר — 170
בעמען — 171

שניט

אַ נר־תמיד — 175
מעריב־תפילה — 176
בײַ דער ליידיקער שיסל — 177
כל דכפין — 178
אין זכות פון מײַן אייניקל — 179
זיידע־גליק — 180
עלנט און זײַן שכר — 182
עולם־הבאָ — 183
שחרית — 184
מזמור לפרילינג — 186
אַ פרילינג ווערט געבוירן — 187
אַ פרילינג־חלום — 188
כ׳האָב דעם נעכטן נישט
פאַרלוירן — 190
מײַן לעבן איז איינס — 191
עלטער־אידיליע — 193
מײַן אַנדערער איך — 194
לאָס טאַסקאָס — 195
גאַנג — 196
איך בין צו דער וועלט
צוגענאַפּלט — 197
דאָס ברייטעלע — 198
ר׳ מענדעלע — 202
געשפּאַלטן דעם הימל — 203
שלום עליכם — 204
זאָל מײַן בלוט אויך זוכה זײַן — 205
מײַן דערוואָרגן געשריי — 206
אויסגעמעקט וועט זײַן דײַן
נאָמען — 207
בחירה — 208
אַברהמל דער קלעזמער — 210
מאַרטין פּיעראָ — 231
דער זין פון געזאַנג — 234

SZNEIER WASERMAN

DE MI ALMA Y VIDA

POESIAS

★

BUENOS AIRES
1 9 7 2